װָכבּצענטֶע צײַטונג

№ 13

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פּרײַז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָװער צײַטונג

Piątek 26 marca 1937 — ליכט-צינדען 5.43 — פרײַטאג ערב פסח י"ד ניסן תרצ"ז

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 204.

װײַטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 204.

זמן אכילת חמץ - ביז 9.25 פריה.

דער הײַנטיגער נומער ענטהאלט 12 זײַטען.

כשר לפסח!

װאורשט אויפשניט

סאַלאַמי, אונגארישע סאַלאַמי, גענזען-שמאַלץ

בעסטע קוואַליטעט

צו ביליגע פרײַזען עמפּפעהלט:

א. אַבראַמאָװיטש

1 אַלעע 4 — 2 אַלעע 28

טעל. 22.09 — טעל. 14.34

יעדען טאָג פון 12 א זײגער מיטאָג װערען ארױסגעגעבען

װאַרימע מאַלצײַטען.

„Plutos"

בעזיצט א גרױסען אױסװאַהל פון אַלערלײ

שאָקאָלאַדען און געבעקס

לכבוד פסח

מיט'ן הכשר פון ראַבינאַט.

מאַכט דעריבער אײַערע אײַנקױפען נור אין

פלוטאס, אלעע 21

און איהר װעט האבען דעם אמת'ן עונג יום-טוב.

מרכז דתי-תרבותי ע"י בית-הכנסת החדש.

יודאאיסטישער אינסטיטוט בײ דער נײַער שוהל

שבת, 4 א זײגער נאכמיטאג קומט פאָר נאָכמאָל

אַ מסבת עונג-שבת.

ביום ב', א' דחוה"מ פסח בשעה 4 אחה"צ תתקיים באולם המרכז אספה מכוננת של מועדון עברי. את ההרצאה הפותחת על הנושא: „ארגון המועדון ותפקידיו" ישא מר יהודה ליב קופינסקי

כל העברים מתבקשים לבא.

אַ צ י מ ע ר

מיט אַלע בעקװעהמליכקײטען צו פערדינגען עװענטועל מיט עסען.

קילינסקי 14 װאוינונג 13 בײ װיטשיק.

Wyrazy szczerego współczucia członkini naszego Koła, RACHELI, z powodu zgonu Matki Jej

b. p. DORY JAKUBOWICZ

składa — Koło b. Wychowanków przy Szkole im. Zofii Wajnsztokówny.

פײערלעשער-זאַל. 4 גאַסטפאָרשטעלונגען

פון װעלט-בעריהמטען אמעריקאנער קינסטלער

דזשעק רעכטצײַט

מיט זײַן פּארטנערין

אלא שליװקאָװיטש

מיט'ן אנטײל פון די גוט-בעקאנטע ארטיסטען לױט א"ב: גאװא-װײ, יהודה גרינהױז, משה גורװיטש, יוסף װידעצקי, רײַע זאַמין, מאקס מאַקסימאַװ, יוסף נײַװירט, ליובאַ ראָזענבערג, נתן רײַכענבערג.

זונטאג, ד. 28 ד.ה. 3.30 בײַטאג	דער גרעסטער שלאַגער פון נײַעם סעזאָן!
זונטאג, ד. 28 ד. ה. 9 אװענד	געשפּילט אין װארשא 150 מאל מיט גרױס ערפאלג
מאנטאג, ד. 29 ד. ה. 9 אװענד	**אונגעװעצליכע קינדער**
דינסטאג, ד. 30 ד. ה. 9 אװענד	3 אקטען, 5 בילדער פון עלמער רײַץ.
צום לעצטען מאל!	

בילעטען-פאַרפערקויף אין דרוק. פון ה' באַטשאַן, יום-טוב פון 11 פריה אין קאסע פון טעאטער.

רעזשי: רעכטצײַט. אדמ.: י. זיגער. אװענד-רעזשיסער: מ. גורװיטש. בײַם קלאװיר: ג. קאָװאלסקא

Szkoła i przedszkole im. Zofji Wajnsztokówny

w Częstochowie, Aleja 20. Telefon 10-78.

przyjmuje zapisy do wszystkich klas
i do PRZEDSZKOLA (dzieci od lat 3-ch).

Lokal został gruntownie odświeżony. Podczas pogód zajęcia odbywać się będą w specjalnie wynajętym ogrodzie.

Dla niezamożnych ulgi.

KINO „STYLOWY", Aleja № 27.

גרעסטע קונסטװערק פון די לעצטע צײַטען

דער קריזיס האט זיך געענדיגט — ס'האבען איהם בעזיגט די קאָמיקער

דזשיגאָן און שומאַכער

װעלכע װעלען אמוזירען דעם עולם אין דער נײַעסטער קאָמעדיע

פרײליכע קבצנים

אין די הױפט-ראָלען: רות טורקאָװ, גאָלדשטײן, אָפּענהײם א. א.

דער פילם װערט דעמאָנסטרירט פון דאָנערשטאג, ד. 1 אַפּריל 5 נאכמיטאג

WORLD-RADIO

Świat w domu...

Urok dni świątecznych podnosi niepomiernie odbiornik

WORLD-RADIO

Precyzja wykonania w połączeniu z artystycznym wyglądem zewnętrznym stwarza piękną harmonijną całość.

„MAZUR" i „POLONEZ" oto nazwy odbiorników o cenach popularnych i wykonaniu luksusowym.

Zakłady Radiotechniczne „WORLD-RADIO"

Spółka Komandytowa

ALEJA 24. TELEF. 25-75.

דאַנקזאַגונג.

מיר דריקען אױס אונזער הערצליכסטען דאנק דעם

„פעראײניגטען טשענסטאָכאָװער הילפס-קאָמיטעט אין ניו-יאָרק"

פאַר די 125 דאָלאַר

װעלכע זײ האָבען צוגעשיקט אונזער אינסטיטוציע און א דאנק דעם האָבען מיר געהאַט די מעגליכקײט צו פערברײטערן אונזער פסח-אַקציע לטובת 350 יודישע בכבוד'ע פאַמיליעס אין טשענסטאָכאָװ.

מיר װינשען אײַך װײטער ערפאָלג אין אײַער נוצליכער און פרוכטבארער ארבײט לטובת אײַערע און אונזערע לײַדענדע ברידער.

די פערװאַלטונג פון „תומכי עניים" אין טשענסטאָכאָװ.

פרעזעס: ב. באַטשאַן

Przeszło 11 tysięcy Częstochowian posiada pewnie ulokowane pieniądze

w **K. K. O.**

pow. częstochowskiego

CZĘSTOCHOWA, ALEJA № 19 (DOM WŁASNY)

która z mocy ustawy posiada przywilej prawny bezpieczeństwa pupilarnego.

Zapisy dzieci do szkół.

Dnia 31 marca od godz. 9 do 13 i od 15 do 18-ej oraz 1 kwietnia br. od godz. 10 do 15 odbędą się w szkołach № 12 (przy ul. Przemysłowej 10) i № 13-15 (przy ul. Narutowicza 19—23) zapisy dzieci urodzonych w latach 1930, 1929, 1928, 1927, 1926, 1925, 1924.

Rodzice są obowiązani przy zapisie przedłożyć metrykę urodzenia dziecka, bez której dziecko nie może być do szkoły zapisane. Inne dokumenty, jak książki meldunkowe i t. p. nie będą uwzględniane.

דאַנקזאַגונג.

א הארציגען דאַנק שיקען מיר איבער די

קלאָבוצקער לאַנדסלײט אין פּאַריז

די איניציאטאָרען ה"ה: יוסף זאַקס, שלמה ניעדזיעלא, בן-ציון גרין, אלי' שפּערלינג, לײבל אײַזנער װי אױך אַלע לאַנדסלײט, װעלכע האבען מיטגעהאָלפען צו זאַמלען געלד און צוגעשיקט **1000 פראַנק** פאַר די אָרימע יודען אין קלאָבוצק.

זאל זײ גאָט בעצאָהלען פאַר זײער אײדעלען טהאָט.

אין נאָמען פון דער קלאָבוצקער קהלה

פּרעזעס: ברוך שפערלינג

הילפס-קאָמיטעט: אלי' מאָס, יצחק לײב שפערלינג

קלאָבוצק, ערב פסח תרצ"ז.

דאַנקזאַגונג

בעת דער אָקופּאַציע פון די גרינבענדעלדיגע, װעלכע האבען טעראָריזירט די פּויערים, האבען מיר זיך געװאַנדען צו אונזערע בעלי-בתים מיט דער ביטע צו עפענען דאס טויער, כדי די פוהרען זאלען זיך געפונען אויפ'ן הויף. דער קריסטליכער װירט ה' ראָטשקאָװסקי האט אבער בשום אופן נישט דערלאָזט עפענען דאס טויער. זײַן כונה איז קלאָר. די טאָכטער פון צװײטען שותף פון הויז פרל. גוטקאַ גאָלדשטײן האט אבער מיט מסירת נפש געקעמפט, אז מען זאל יאָ עפענען דאס טויער און זיך נישט אָבגעשראָקען פאַר די דראָהונגען פון קריסטליכען װירט, װעלכער האט איהר געסטראַשעט מיט קאָנסעקװענצען.

אָט פאַר דער דאָזיגער מסירות נפש דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען דאַנק.

ראובן באַראָן, שלמה פרעזעראָװיטש.

אונזער שכן דעם ה' **משה יאַקובאָװיטש און טעכטער**

צוליעב'ן פריהצײַטיגען טויט פון זײער פרוי און מוטער

דבורה נ"ע

דריקען אױס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

ב. באָטשאָן און פרוי.

Na wesołe święta polecamy znakomite

PIWA

SŁODOWE i MARCOWE i wspaniałe LEMONIADY owocowe

Sp. Akc. Browaru w Częstochowie daw. K. SZWEDE.

זמן חירותינו...

עפיס זעהט דער זמן חירותינו ביי אונז אויס די לעצטע יאהרען, און ספעציעל הייי־יאהר, ווי א פוסטער אָבקלאַנג פון אַמאָליגע צייטען.

נישט מיר ווייסען, נישט מיר פיהלען די דאָזיגע פרייהייט. פערקעהרט, אַז אונזער „זמן חירותינו“ טרעפט זיך צונויף מיט זייער פּאַסכאַ, דאַן איז אונזער גורל זעהר ביטער. אַמאָל האָבען „זיי“ דאס אויסגענוצט אויף עלילת־דם־העצעס געגען יודישען פאָלק, ס'האט אונז דער בלוטיגער שפּאַס געקאָסט גענוג קרבנות, מיה און ארבייט. ביז מיר האבען די קולטורעלע וועלט איבערצייגט אין דער לעכערליכקייט פון די דאָזיגע בלבולים. היינט איז דאס שוין אוננויטיג. „זיי“ האבען שוין דורך דער צייט אויסגעפונען בעסערע מיטלען ווי אַזוי די יודען אויסצוראָטען, אָוועקצולעגען אויף קאָלט. סיסטעמאַטיש, ראַפינירט געהט אָן דער דאָזיגער קאַמף לגבי אונז. און אויב א גאַנץ יאהר זעען די מעטאָדען און פאָרמען נישט אַזוי גרויזאַם — נעמען זיי אָן אין אונזער „פרייהייטס יום טוב“ געפעהרליכע פאָרמען.

איז עס נישט די ביטערסטע איראָניע פון גורל?

אבער לא אלמן ישראל! נישט פערצווייפעלט, נישט צוזאמענבּרעכען זיך.

דאס וואלט געווען אונזער גרעסטער אומגליק. טויזענדער יאהרען זענען מיר אין אלע צייטען אַדורכגעגאנגען דורך פייער, שווערד און אויטא־דא־פע'ס און אַרויס שטענדיג פון אַלע געפאהרען געשטארקט, געקרעפטיגט. שווערע צייטען פאָדערען אַ שווערען קאַמף. זאָלען מיר דעריבער אין דער איצטיגער טראַגישער פאר אונז צייט פערדאָפּלען אונזער ענערגיע און נישט פערלירען אונזער מוט, און דאס וועט זיין די בעסטע גאַראַנטיע, אז מיר וועלען אויסמיידען אלע געפאהרען, וואס ווערען אויף אונז פון אַלע זייטען אָנגעוואָנדען.

לאָמיר האָפען, אַז פון איצטיגען מצרים וועלען מיר אויך אויסגעלייזט און בעפרייט ווערען צו א ליכטיגען, שענערען מאָרגען צו א בעסערער צוקונפט!

ג.

Wielce Szanowny Czytelniku!

Czy już wiesz, że WORLD-RADIO posiada stale na składzie odbiorniki radiowe przodujących firm krajowych i zagranicznych?

CAPELLO—licencja: Radiofabrik „Ingelen", Wiedeń
HORNYPHON, Wiedeń — SELECTRIT-ZERDIK, Wiedeń
KOSMOS S.A, Warszawa — RADIO-UNION, Warszawa
— oto firmy, które reprezentujemy.

Przed kupnem odbiornika zasięgnij przeto u nas bezpłatnej porady fachowej; unikniesz rozczarowania i niepotrzebnych utrapień. Fachowa i sumienna obsługa — to gwarancja zadowolenia.

Zakłady radiotechniczne
WORLD-RADIO
Spółka Komandytowa
N. M. Panny 24. Telef. 25-75.

די אַנטי־יודישע אַקציע אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאג, אַרום 1 א זייגער נאכמיטאג ווי נאָר ס'האבען זיך אָנגעהויבען עפענען די יודישע געשעפטען, האט זיך פון אלע זייטען שטאָדט א לאָז געטהון א גרויסע מאַסע פון עטליכע הונדערט יונגע שקצים און שיקסעס מיט גרינע בענדער אויף די קלאַפּעס און זיך אָנידערגעשטעלט פאר די יודישע געוועלבער נישט אַריינלאָזענדיג דאָרט קיין קריסטליכע קונים. די דאָזיגע אַקציע איז געפיהרט געוואָרען גלייכצייטיג אויף אלע גאַסען. אין מעהרערע יודישע געשעפטען אויף אַגראַדאָווא, קאַטעדראַלנע, וואַרשאַווער און אנד. זענען אויסגעהאַקט געוואָרען די שויפענסטער. די פּאָליציי, וועלכע איז געווען אין די גאַסען אין א גרעסערער צאָהל, האט זיך בעגנוגענט מיט'ן נישט דערלאָזען צו קיין גרעסערע אַנטי־יודישע אַרויסטרעטונגען.

א סך יודישע געוועלב־אייגענטימער אין די אַלעען האבען צוליב די פּיקעטען געשלאָסען זייערע געשעפטען. די גרינבענדעלדיגע כוליגאַנעס האבען זיך הייי־יאהר צום ערשטען מאל ערלויבט פשוט צו טעראָריזירען די קריסטליכע קונים, וועלכע האבען געוואלט אַריינגעהן אין די יודישע געוועלבער און מיט כוח זיי נישט אַהין אַריינגעלאָזט.

מען האט געקענט מיינען, אַז די כוליגאַנישע אנטי־יודישע אַקציע וועט זיך בעניגען בלויז מיט'ן זונטאג'דיגען נאָכמיטאג, זעהט אבער אויס, אז מיר האבען געהאט א טעות, ווייל אויך מאָנטאָג האבען זיך די גרינבענדעלדיגע אָוועקגעשטעלט פאר די יודישע געשעפטען און ווייטער טעראָריזירט די קריסטען נישט אַריינלאָזענדיג קיין קונים.

די הויפּט־אַקציע איז געפיהרט געוואָרען פון באַלד אינדערפריה אָן אויפ'ן זאַוואַדזיער מאַרק, וואו גרויסע מאַסען גרינבענדעלדיגע כוליגאַנעס האבען אָוועקגעריסען די קריסטליכע קונים פון יעדען יודישען סטראַגאַן. איינצעלנע יודישע סטראַגאַן הענדלער האבען אפילו בעקומען קלעפּ פון די כוליגאַנעס. ווען איינינע יודען האבען געפּרובט צו פּראָטעסטירען געגען דער דאָזיגער אונפערהערטער אַקציע, זענען פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען קריסטליכע „עדות“, וועלכע האבען אליין „געהערט“ ווי די יודען האָבען .. בעליידיגט דאס פּוילישע פאָלק און אויף דעם סמך האט טאקי די פּאָליציי צונויפגעשטעלט א פּראָטאָקאָל.

זעהענדיג, אַז די לאַגע נעמט אָן מורא'דיגע פאָרמען, האבען אלע יודישע מאַרקשטעהער אין א צאָהל פון אַנ'ערך 200 פערזאָן געשלאָסען זייערע בוידען און זענען געקומען אין לאָקאַל פון דער קהלה, וואו זיי האבען איבערגעגעבען וועגען זייער שרעקליכער לאַגע.

א דעלעגאַציע אין די פּערזאָנען פון קהלה־פּרעזעס ה' ראָזענבערג און פאַרשטעהער פון סוחרים־פעראיין האט אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע געשעהענישען בעזוכט דעם סטאַראָסטאַ און פאָרגעשטעלט דעם מצב פון יודישען כוחר'טום אין שייכות מיט דער געפעהרליכער באָיקאָט־אַקציע.

דער סטאַראָסטאַ האט געענטפערט, אַז ער וועט נישט דערלאָזען צו קיין אַרויסטרעטונגען געגען יודען און געהייסען, אז די מאַרקשטעהער זאָלען צוריק עפענען די בוידען.

אויך דינסטאג האבען זיך פון באַלד אינדערפריה געיאָוועט די כוליגאַנעס און אָקופּירט די אָגראָדאָווע גאַס, וואו זיי האבען ווייטער נישט צוגעלאָזט קיין קריסטליכע קונים. אויך אויפ'ן נייעם מאַרק און טיילווייז אין דער ערשטער אַלעע זענען זיי געווען זעהר אַגרעסיוו. דאס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואס די כוליגאַנעס פיהלען זיך ביי דער „אַרבייט“ זעהר האַפּערדיג און בעטראַכטען זיך אלס גרויסע, נאַציאָנאַלע „העלדען“...

די מיראָווסקע גאַס ביז צום זאַוואַדזיער מאַרק און דער מאַרק גופא איז געווען געדוכט בעזעצט פון די גרינבענדעלדיגע, וועלכע ווייזען דאָרט אַרויס גרויס אכזריות געגען יודישען סטראַגאַן מ'שטיינסגעזאָגט.

אויך די אַנדערע טעג ביז ערב יום טוב האבען די פּיקעטען געפונען פאַר די יודישע געוועלבער און געפיהרט זייער העסליכע פינסטערע אַרבייט.

פון דער יודענשטאַט־פּאַרטיי

זונטאג, דעם 28־טען מערץ 1937 (2־טען טאג פסח) 7 א זייגער אין אָוונד אין ערשטען טערמין און 8 אין צווייטען טערמין וועט פאָרקומען די 4־טע אלגעמיינע פערזאמלונג.

די חברים ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט

מאָרגען, שבת, פונקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאָר א מסבת עונג שבת, אויף וועלכער הרב ד"ר הירשבערג וועט רעפערירען א.ד.ט.: „פסח—דער יום־טוב פון בעפרייאונג“.

מאנטאג, דעם ערשטען טאג חוה"מ, 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל א גרינדונגס פערזאמלונג פון א העברעאישען קלוב, אויף וועלכער ה' י. ל. קאַפּינסקי וועט האלטען דעם ערעפנונגס רעפעראט.

פון פרויען־פעראיין „עזרה“

דער פרויען פעראיין „עזרה“ האט הייי־יאהר אויף פסח פערטיילט פּראָדוקטען פאָר 115 פאַמיליעס.

די פּראָדוקטען זענען בעשטאַנען פון צוקער, אייער אד"גל.

וויכטיג פאַר געשעפטס־לייט.

די אָבטיילונג פון פּ. ק. אָ. אין לאָדז נעמט אָן וועקסלען אויף אינקאַסאָ לויט א פערבּיליגטען טאַריף און פערדינגט קאָסטען. ביידע צווייגען פון בעדינען די קליענטען בעזיצען א גרויסע בעדייטונג פאר אינדוסטריעלער און האַנדעלסקרייזען, וועלכע וועלען געוויס גענייסען פון די דאזיגע בעקוועמליכקייטען, וואס זענען זעהר וויכטיג פאר דעם פערפּאָלקאָמען די אדמיניסטראַטיוו־אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט פון ווירטשאַפטליכען לעבען.

חוץ דעם פיהרט די לאָדזער אָבטיילונג פון פּ. ק. אָ. די אָבטיילונג פון טשעק־קאָנטאָס, וואס פערשאַפט זעהר פיעל בעקוועמליכקייטען פאר סוחרים, אינדוסטריעלער, האַנדווערקער און בכלל אלע פערזאָנען, וועלכע פיהרען טראַנזאַקציעס און מזומנים, א טשעק־קאָנטאָ אין פּ. ק. אָ. איז די בעסטע גאַראַנטיע פאר דער זיכערהייט פון קאַפּיטאַל. חוץ דעם קען דער בעזיצער פון א טשעק־קאָנטאָ אהן שום צוגאַב־אָבצאָהל איבערווייזען געלד אין אלע געגענדען פון לאַנד. אַזוי צ.ב. קען א סוחר פון לאָדז אהן שום אָבצאָהל איבערווייזען יעדע סומע אויף דער קאָנטאָ פון זיין קליענט אין לעמבערג. אזוי ארום געניסט ער פון דער אזוי ווערטפולער אין האַנדעלס־בעציהונגען לייכטקייט פון אומזאָץ און פון געלד־איבערווייזונגען פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. די געהיימניש פון טשעק־קאָנטאָ'ס ווערט אין פּ.ק.אָ. נאַטירליך שטרענג אָבגעהיט.

איינשרייבונגען פון קינדער אין די פּאָווסעכנע שולען.

דעם 31 מערץ פון 9 ביז 1 מיטאג און פון 3 ביז 6 נאָכמיטאג, ווי אויך דעם 1 אַפּריל פון 10 פריה ביז 3 נאכמיטאג, אין די פּאָווסעכנע שולען נר. 12, 13 און 15 וועלען פאָרקומען איינשרייבונגען פון די דאזיגע קינדער, וועלכע זענען געבוירען געוואָרען אין די יאָהרען: 1930, 1929, 1928, 1927, 1926, 1925, 1924.

עלטערן פון די קינדער, וועלכע זענען געבוירען אין די אויבענאויסגערעכנטע יאָהרען דאַרפען אויסנוצען דעם דאזיגען טערמין, ווייל פאר נישט־שיקען קיין קינדער אין די שולען, דראָהט לויט'ן געזעץ וועגען צוואַנגס־שולען — א הארבע שטראַף.

פון דער האנדעלס־באַנק

די דירעקציע פון דער האנדעלס־באַנק איז מודיע, אז היינט, פרייטאג, דעם 26 ד.ח. וועט די באַנק זיין טעטיג ביז 12 מיטאג. דעם 27, 28 און 29 ד. ח. וועט די באַנק זיין געשלאָסען.

BIURO PISANIA PODAŃ
Franciszka FRANCUZA
CZĘSTOCHOWA, ŚLĄSKA 6.
parter, front

אונזער געעהרטען פריינד און שכן ה' **משה מאשקאָוויטש** און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער געליעבטע טאכטער **גאָלדעלע** מיט ה' **פנחס הערשליקאָוויטש** ווינשען מיר א הארציגען מזל־טוב
שלמה אַלטמאַן און פרוי.

Z intencji zaślubin p. LEONA UFNERA
z panną HELĄ FUKSÓWNĄ
życzą różowej przyszłości i wiele szczęścia
SAMUELOSTWO GELBHAUER

ŻELAZKO ELEKTRYCZNE
JEST NIEZBĘDNE W KAŻDYM DOMU

Żelazko elektryczne można nabyć na bardzo dogodnych warunkach

W ELEKTROWNI
SALON PROPAGANDOWO-POKAZOWY
Al. Najśw. Marii Panny Nr. 22.

Prosimy odwiedzić Salon Elektrowni.
Odwiedzenie nie obowiązuje do kupna.

ZAWIADOMIENIE.
Niniejszym uprzejmie zawiadamiam Sz. Klijentelę, że
pracownia ubiorów damskich
S. GELBHAUER
Katedralna № 10
została przeniesiona na tę samą ulicę:
Katedralna Nr. 7, front, parter.
Przytem zawiadamiam, że na nadchodzący sezon wiosenno-letni sprowadziłem najnowsze modele i żurnale.
Polecam się nadal względom Sz. Klijenteli.
S. Gelbhauer, Katedralna 7, front, parter.

FABRYKA WYROBÓW METALOWYCH i DRUTÓW do PARASOLI
D. WOLF i Z. GRABINER
Częstochowa, Staszica 8. Telef. 19-04 i 16-87.
przyjmuje do cementowania, hartowania, niklowania, mosiądzowania, lakierowania i oksydowania, jak również do szpicowania i krojenia drutu. CENY NADER PRZYSTĘPNE.
Odbieramy i odsyłamy towar na własny koszt.

ווייַן, מעד — לעזט אויפמערקזאַם! — ווייַן, מעד
די אלטע עקזיסטירענדע **ווייַן־און מעד־פאַבריק**
לייביש גאָלד נייער מאַרק 11
מאַכט בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו, אַז זי איז פערזעהן מיט אַ גרויסען לאַגער פּרימא, עכט־ריינע, אונג רישע, טאָקאַי און הודיאַלאַ־ווייַן, ווי אויך עכט־כשר'ן ריינעם אונגאַרישען טרויבען רויט־ווייַן פאר צוקער־און מאָגען־ליידנדע. אויך צמוקים ווייַן אויף ערבע כוסות.
בעמערקונג: צוליב'ן קריזיס זענען די פּרייזען זעהר פערבּיליגט.
ווייַן, מעד — **כשר לפסח!** — ווייַן, מעד

ווייַן און מעהד לכבוד פסח!
די בעוואוסטע פירמע **„ווינדאָבאָנאַ“ סאָסנאָוויץ**
האט געעפענט אין טשענסטאָכאָוו אַלעע 12
(פראָנט־געוועלב)
אַ פערקויף פון די בעסטע ווייבען אויף ארבע כוסות
אונגאַרישע, עסטרייכישע, יין־צמוקים אויף ארבע כוסות א. א.
די פּרייזען זענען זעהר צוגענגליכע.
דער פערקויף קומט פאָר אונטער דער אויפזיכט פון **שמואל גאָלד.**

אַדוו. לייב אַש

פערשטאַרקען די געזעלשאַפ-טליכע קאָנטראָל!

(פאָרשלאַג צו בעטראַכטען).

די אזוי-גערופענע „צייטוויילינע פאַר-שריפטען וועגען געזעלשאַפטען און פערבאַנדען“, וואס האבען פערפליכטעט אויפ'ן געביעט פון געוו. קאָנגרעס-פוי-לען ביז ענדע 1932, זענען אריין אין קראַפט אין אנפאַנג 1919, אַלזאָ אין די ערשטע חדשים פון פוילען'ס בע-פרייאונג און געווען דעריבער בע-הערשט דורך שטאַרק ליבעראלע טענ-דענצען. אויפ'ן גרונד פון די דאָזיגע פאַרשריפטען איז טאַקי ענטשטאנען אין לאַנד א זעהר בעדייטענדע צאהל גע-זעלשאפטליכע אינסטיטוציעס מיט פער-שידענאַרטיגע אויפגאבען.

די 14-יעהריגע ערפאַהרונג האט אָבער בעוויזען, אז דער צו-ברייטער ליבע-ראַליזם ווערט מיסגעברויכט און דאס ס'איז נויטיג אויך בנוגע די געזעל-שאפטליכע אינסטיטוציעס צו פער-שטאַרקען די אויפזיכט. פיעל פון די אזוי-לייכט און אָהן שטערונגען געשאַ-פענע אינסטיטוציעס האבען זיך, נעמ-ליך, ארויסגעוויזען אלס נישט לעבענס-פעהיג, אלס אוננויטיג, אפילו אלס שעדליך, צום ביישפיעל דאַן, ווען אין א שטאדט ענטשטעהען איינינע גע-זעלשאפטען מיט דער זעלבער אויפ-גאבע, און זיי שטערען זיך געגנזייטיג אין דער טעטיגקייט.

פון ערשטען יאַנואר 1933 איז אריין אין קראַפט א ניי געזעץ וועגען גע-זעלשאפטען, וועלכעס איז ווייט, אפשר צו ווייט, אַוועק פון פוריגען ליבע-ראַליזם, און וועלכעס פערשטאַרקט בע-דייטענד איבער די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, די אויפזיכט מצד דער אדמיניסטראַטיווער מאַכט. צווישען אַנ-דערען האט די מאַכט דאס רעכט נישט צו בעשטעטיגען די ניי-פראָיעקטירטע געזעלשאפטען, וועלכע זי בעטראַכט אלס אוננויטיג פון שטאַנדפונקט פון אלגעמיינעם נוצען. (דער דאָזיגער פאַרשריפט דאַרף אַנגעווענדעט ווערען קודם כל דאַן, ווען אין דער זעלבער שטאדט עקזיסטירען שוין געזעלשאַפ-טליכע אינסטיטוציעס מיט ענליכע אויפגאבען). אויסערדעם בעקומט די אדמיניסטראַטיווע מאכט אויך דאס רעכט אויסצואיבען אַן'אויפזיכט אויף די טעטיגקייט פון די לעגאַליזירטע געזעלשאפטען דורך ארויספאָדערן טע-טיגקייטס-און קאַסע-פעריכטען, ערקלע-רונגען מצד די פערוואַלטונגס אָרגאַנען א. א. וו. ווי עס ווייזט אויס, בע-טראַכט דאס געזעץ די קאָנטראָל-טע-טיגקייט מצד די רעוויזיאָנס-קאָמיסיעס, וועלכע עגזיסטירען דאָך אין יעדער געזעלשאפטליכער אינסטיטוציע, פאַר נישט גענוגענד.

דאס בעריהרטע פראָבלעם איז שטאַרק וויכטיג פון שטאנדפונקט פון יודישען געזעלשאפטליכען לעבען, ווייל מיר יודען בעזיצען דאָך א ספעציעלען טאַ-לענט צו שאַפען קליינע און גאַר קליי-נע קערפּערשאפטען מיט איינע און די זעלבע בעגרעניצטע—אין דער ווירק-ליכקייט—אויפגאבען. אין יעצטיגען מאָמענט אינטערעסירט מיך בלויז איין טייל פון פּראָבלעם—די פראַגע וועגען פערשטאַרקען די אויפזיכט איבער די שוין עקזיסטירענדע געזעלשאפטען.

פערשטאַרקען די אויפזיכט איז אונ-בעדינגט נויטיג. דערויף ווייזט פון איין זייט דער אומשטאנד, וואס די מיט-גלידער פון די רעוויזיאָנס-קאָמיסיעס אין פיעל אינסטיטוציעס פערשטעהען נישט די פּעראַנטוואָרטליכקייט פון זיי-ערע אויפגאַבען און זענען אפילו נישט פעהיג געהעריג זייערע פליכטען צו ערפולען, אזוי דאס פאַקטיש ווערען די פּראָטאָקאָלען פון די רעוויזיאָנס-קאָמיסיעס אין פיעל אינסטיטוציעס פערוואַנדעלט אין א בעשווערענדע פאָרמאַליטעט, אָהן רעאַלען ווערט און נוצען; פערקעהרט, פון געזעלשאפטלי-כען שטאַנדפונקט ווירקען אַזעלכע פּראָ-טאָקאָלען שעדליך, ווייל זיי בעשטע-טיגען גאַנץ אָפט דאס, וואס איז גאַר נישט געוואָרען קאָנטראָלירט, און פיה-רען דאַדורך אַריין די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט אין א טעות. צוויי-טענס, האט די פראַקטיק פון א רייהע פערבאַנדען, וועלכע קאָנטראָלירען די טעטיגקייט פון די אַנגעשלאָסענע אין זיי אינסטיטוציעס, ווי פון די קאָאָפּע-ראַטיווע רעוויזיאָנס-פערבאַנדען, א קאָנטראָל מאַד אויסגעשולטע און ער-פאַהרענע מענשען, וועלכע שטעהען אויסער דער געגעבענער אינסטיטוציע, איז זעהר נוצליך און ווינשענסווערט.

די פראַגע איז אין יעצטיגען מאָ-מענט דרינגענד, איבערהויפּט אין בע-צוג צו וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס. פון איין זייט דאַרפען די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס—צוליב דעם וואוקס פון דער הערשענדער נויט—פערשטאַרקען זייער טעטיגקייט און פערברייטערן זייערע אויפגאבען, פון דער אנדערער זייט בעציהט זיך די געזעלשאפט צו די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס מיט א געוויסען אוננווילען, ווייל זי איז נישט בעקאַנט מיט זייער טעטיגקייט און ווייסט נישט אונטערצושיידען צווי-שען זיי. די פערשטאַרקונג פון דער קאָנטראָל איבער די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס דורך אַן'אונאָבהענגיגע געזעלשאפטליכע קערפערשאפט וואָלט בעשאַפען א פעסטערן צוזאמענבונד צווישען די אינסטיטוציעס און צווישען דער בעפעלקערונג, געוועקט דעם צו-טרוי צו די אינסטיטוציעס, וועלכע וואָלטען דעם צוטרוי פערדיענט און דאַדורך פערלייכטערט זייער טעטיגקייט.

די קאָנטראָל איבער די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, הויפּטזעכליך איבער די קלענערע, וועלכע בעזיצען נישט קיין אויסגעשולטע רעוויזיאָנס-אָרגאַנען, דאַר-פען איבערנעמען די יודישע קהלות. א רעכטליכער יסוד דערויף קען געפינען ווערען אין געזעץ וועגען דער אָרגאַ-ניזאַציע פון די יודישע קהלות, וועל-כעס ערטיילט די קהלות דאס רעכט צו פערנעמען זיך מיט וואוילטעטיגע אויפ-גאבען. ביי די קהלות-פערוואַלטונגען דאַרף געשאַפען ווערען א ספּעציעלע קאָמיסיע פון אויסגעאיבטע בופהאַל-טערען און געזעלשאפטליכע טהוער, וועלכע זאָל צוזאַמען מיט די רעווי-זיאָנס-קאָמיסיעס פון די געגעבענע אינ-סטיטוציעס פעריאָדיש רעווידירען די טעטיגקייט פון די אינסטיטוציעס און פעסטשטעלען, וועלכע פון די אינסטי-טוציעס פערדיענען אונטערשטיצונג און וועלכע זענען אוננוצליך. די אינסטי-טוציעס, וועלכע וועלען זיך דער קאָנ-טראָל פון דער קהלה-קאָמיסיע נישט אונטערוואַרפען אָדער פיהרען זייער טעטיגקייט נישט געהעריג, קענען אויף קיין צוטרוי מצד דער געזעלשאַפט נישט רעכענען און דאַרפען קיין אונ-טערשטיצונג נישט בעקומען.

דער קינסטלערישער וועג פון אַ יודישען מאָהלער

פון אַ געשפּרעך מיט'ן קינסטלער בן-ציון צוקערמאַן ערב זיין בילדער-אויסשטעלונג אין טשענסטאָכאָוו.

אין טשענסטאכאוו געפונט זיך איצט דער קינסטלער בן-ציון צוקערמאַן, וועל-כער גרייט דאָ צו אַן'אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. אין אַ געשפּרעך מיט'ן קינסטלער דערצעהלט ער:

די שול האב איך געענדיגט אין ווילנע, געלערנט ביי פּראָפ. טרוטניעוו און פּראָפ. ריבאַקאָוו. די ערשטע אויסשטע-לונג פון מיינע בילדער איז פּאַרגעקו-מען אין יאהר 1910. אַלע אויסשטע-לונגען מיינע האבען געהאט ערפאָלג, אָבער דערביי האָב איך זיך נישט אָב-געשטעלט, נאָר געוואָלט ווייטער לער-נען. מען האט מיר עמפּפוילען די מאַלעריי אַקאַדעמיע אין פּעטערסבורג און מען האט מיר געגעבען צו פער-שטעהען, אז איך וועל ווערען אויפגע-נומען, אָבער גראָד דאמאלס האט מען איינגעפיהרט דאָרט אַ פּראָצענט נאָר-מע. איך בין דעריבער אַוועק קיין פּאַ-ריז און דאָרט געאַרבייט אינטענסיוו דורך 4 יאהר ביי פּראָפ. סאַרמאַן. דאָ האט מיך געפּאַקט די מלחמה. נאָך דער מלחמה בין איך צוריקגעקומען קיין פוילען, בעזעצענדיג זיך אין ווילנער קאַנט.

עס האט מיך פערכישופט די אָריגי-נעלע, גראָטעסקע מאַלערישקייט פון יודישען שטעדטיל, וואו איך בין אויס-געוואַקסען, אָבער דאָך האב איך גע-קוקט דערויף מיט אנדערע אויגען. איך האב געמאָלען א רייהע זאַכען מיט יו-דישע מאָטיווען, וועלכע זענען געוואָ-רען פערשפּרייט אין דער וועלט און אויסגעשמעלט אין מעהרערע שטעדט. האבען זיי פּעראורזאכט צו ווענדען זיך צו יודישע טעמעס, וואס זענען אזוי שטאַרק געווען בעליבט ביים קינסטלער. די מאָטיווען צום גראַפישען ציקל „אַר-טיסטישער אלף בית“ האב איך געשעפּט פון יודישען פאָלקלאָר, איך האב בע-נוצט די פּרימיטיווען פון אלטער יודי-שער קונסט.

מיינע גהעטאָ-בילדער האבען מיר פערשאפט אַ נאמען. דער געוו. יודישער מיניסטער אין ליטע דר. סאָלאָווייטשיק האט מיר איינגעאָרדענט אַנ'אויסשטע-לונג אין קאָוונא. די אויסשטעלונג האט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. פון דאָרט בין איך געפאַהרען קיין בערלין. דאָ האט דער מעצענאט פון יודישער קונסט טיסען געקויפט ביי מיר בילדער פאר עטליכע טויזענד דאָלאַר און אויף דער עמפעהלונג פון זשאַבאָטינסקי'ן געשיקט מיך קיין ארץ-ישראל,

— ווי האט געווירקט אויף אייך ארץ ישראל?

— ארץ ישראל — זאָגט דער קינסט-לער — איז מיין טיפסטע איבערלע-בעניש. די 4 יאהר, וועלכע איך האב פערבראַכט אין לאַנד געהערען צו די שעהנסטע אין מיין לעבען. דאָ האב איך ערוואָרבען אַ נייעם קאָלאָריט. איך, דער מאָהלער פון גהעטאָ בין גע-שטאַנען לגבי דעם בלענדענדיגען ארץ ישראל-פּאטאָס אין אָנהויב אונבעהאָל-פען. איך האב נישט געהאלטען פאר ריכטיג צו בעמאָהלען מיט פאַרב די צו העלע ארץ-ישראל'דיגע זון. אויך האָב איך נישט געקאָנט מאָהלען סתם דעם ארץ-ישרל'דיגען הימעל. פאר מיר זענען די פאַרבען געווען אַנדערע.

אויפגענומען האט מען מיך אין ארץ ישראל גאר האַרציג. די חלוצים האבען אין מאסען בעזוכט מיין אויסשטעלונג. עס זענען אויך געקומען אראבער און געקויפט בילדער. איך האב אָבער אויך פון זיי געזאָזט אויסצושטעהן נישט איינמאָל, ווען איך האב געאַרבייט זע-נען זיי אויף מיר אָנגעפאַלען, פּערניכ-טעט די ארבייט און געשאָטען מיט זאמד אין די אויגען. עס איז געקומען דערצו, אַז דער דאמאלסדיגער גובער-נאַטאָר סטאָרס האט ארויסגעגעבען אַ ספּעציעלע פּעראָרדנונג געגען שטערען מאָהלער אין דער ארבייט.

מעהרערע בילדער זענען געבליבען אין ארץ-ישראל. קומענדיג דאַן קיין אייראָפּא האב איך אויסגעשטעלט ביל-דער אין פערשידענע לענדער, דערונ-טער אויך אין פוילען.

בין אור לחושך...

(נישט קיין פעליעטאָן).

דאס מאָל וועל איך אייך דערצעה-לען אַן'אמת'ע פּאַסירונג, וואס איז גע-שעהן אין איינאיינציגען טאָג — אין זונטאג פון דער היינטיגער וואָך.

אויף 12 מיטאג בין איך געווען איינ-געלאַדען אויף א פּרעסע-קאָנפערענץ אין דער נייער געביידע פון יודישען גימנאזיום. פונקט צו דער מינוט, ווען מיר עטליכע פאַרשטעהער פון דער היי-גער יודישער פּרעסע, זענען אָנגעקומען אויפ'ן אָרט, האבען שוין אונז אָבגע-וואַרט די מיטגלידער פון בוי-קאָמיטעט, וועלכע האבען אונז געוויזען די געביי-דע און אונז אינפאָרמירט וועגען אלעם, וואס האט אַ שייכות מיט'ן פערענדי-גען דעם בנין, אַזוי אז צום נייעם שול-יאהר זאל די נייע געביידע זיין פּערטיג.

מיר האבען בעטראַכט דעם בנין, וועלכער שטעהט שוין אונטער'ן דאַך, בעקוקט איהם פון אינעווייניג און פאר אונזערע אויגען האט זיך בעוויזען אַ פּרעכטיגע געביידע, מיט איין וואָרט, דאס וועט זיין אַ שול-פּאַלאַץ, וואס איז זעלטען בנמצא.

און געטראַכט האב איך זיך, ניין, איך האב נישט געטראַכט, נאָר איך האב עס געזאָגט הויך צו די מיטגלי-דער פון בוי-קאָמיטעט, אַז איך בע-וואונדער זייער הערליכע אַרבייט, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואס מיר יו-דען לעבען איבער א שווערען קריזיס, סיי עקאָנאָמיש, סיי גייסטיג, האבען זיי דאָך געוואָגט אויף אזא גראַנדיע-זען אויפטהו און דעריבער דאַרף מען בענשען די הענד פון די בויער. דאס בעווייזט, אַז יודען, דאס עם-הספר, טראכט שטענדיג, אפילו אין די טרוי-עריגסטע צייטען פון אונזער לעבען, ווי אזוי אריינצוברענגען ליכט אויף דער וועלט, און זי צו פּערשפּרייטען צווישען מענשען. וועט דאָך די שולע, וואס ווערט אויפגעבויט, זיין דער טעמ-פּעל פון בילדונג, פון וויסענשאַפט, קולטור און ליכט. מיין אומעטיג הארץ האט זיך דערוואַרימט; ס'איז מיר גע-וואָרען ליכטיג אין די אויגען, דער הימעל איז אויך געווען א קלאָרער, ריינער, און איך בין געווען שטאָלץ אויף מיינע ברידער יודען. געזעגענ-דיג זיך, האב איך די הענד פון די קאָ-מיטעט-לייט שטאַרק געדריקט און האָב זיי מקנא, געווען, וואס אויף זיי איז אויסגעפאַלען צו ערפילען די דאָזיגע הייליגע מיסיע.

מיט א שעה שפּעטער, ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האב איך געזעהען אַ צווייט בילד. פאר די יודישע געשעפ-טען, וועלכע זענען געעפענט געוואָרען, כדי צו לייזען א פאַר גילדען פאר די חגאות, זענען געשטאַנען פּיקעטען, מיט גרינע בענדלעך אין די לאַצען און הא-בען אוועקגעשלעפּט די קונים, נישט אַריינלאָזענדיג זיי קויפען ביי יודען. אין גאַס האט זיך אויך געדרעהט פּאָ-ליציי, וועלכע האט אכטונג געגעבען, אז ס'זאלען נישט פּאַרקומען קיין גע-שלעגען, דאגעגען האט זי אָבער נישט רעאַגירט דערויף, וואס מען שלעפּט אַרויס די קונים פון יודישע געוועלבער. אין גאס איז געוואָרען א מהומה, די פּנים'ער פון די יודישע סוחרים, וועל-כע וואַרטען א גאַנץ יאהר אויף דעם לייזונג פון פאַר די חגאות, כדי צו קאָנען צאהלען די גרויסע פּאָדאַטקעס, וואס מען לייגט אויף זיי ארויף, זענען פערפינסטערט געוואָרען, א יאוש האט זיי ארומגעכאַפּט.

צוקוקענדיג זיך צו דעם דאזיגען בילד, ווי אַזוי אין אַ פרייער מדינה, וואו די קאָנסטיטוציע פערזיכערט אַלע בירגער גלייכע רעכט, ווערט מיט די פיס גע-טרעטען די מענשליכע ווירדע, האט אַ שוידער אַרומגענומען. באַלד האבען זיך די הימלען פערוואָלקענט און אומ-געריכט האט נאָך אַ שעהנעם פריה-לינגס-טאָג אָנגעהויבען צו רעגענען. אַ שטורם האט גענומען בלאָזען און עס איז אַנגעפאַלען א נאַסער העפליכער שניי; פינסטער איז געוואָרען אין גאַס, ווי אויך אויף דער נשמה.

עס איז געווען בין-אור, צווישען ליכט, וואס איך האב געזעהען פאַר-מיטאג דאָרט, וואו מען בויט טעמפּ-לען פאר ליכט און וויסענשאפט, און דעם נאָכמיטאָג, ווען מען האט געזעהט פינסטערניש און רשעות.

ביי דער געלעגענהייט דערלויבט מיר שוין אויך צו דערצעהלען, וואָס ס'איז ווייטער געווען. דעמזעלבען זונ-טאג נאָכמיטאג האט מען אויסגעהאַקט עטליכע שויבען אין יודישע געשעפטען און דאס דוקא אין די געשעפטען פון שאָקאָלאַד; צומאָרגענס ווידער איז די בלאָקאַדע געווענדעט געווען ספּעציעל אין די שפּייז-געוועלבער אויפ'ן נייעם מאַרק און אין דער אָגראָדאָווע גאַס. כ'מיין צו זאגען, אז צי איז דאס נישט קיין שטיקעל ארבייט פון א געוויסען קריסטליכען סוחר, וועלכען אַ יוד, האט פערדינגען אין זיין הויז, אין רעכטען יודישען האַנדעלס צענטער, גרויסע געוועלבער, און אָט דער זעל-בער קריסטליכער סוחר האנדעלט דאס מיט די אויבענדערמאנטע אַרטיקלען און עס לוינט פאר איהם, אַז מען זאָל נישט דערלאָזען זיינע יודישע קאָנקו-רענטען האַנדלען, כדי מען זאָל מוזען צו איהם אָנקומען...

און נאָך איין קלייניגקייט וויל איך דערצעהלען: איהר ווייסט דאָך פון דער כראָניק וועגען די געשעהענישען אויפ'ן זאוואדזיער מאַרק. די יודישע טאַרק-שטעהער האבען צוליעב דעם טעראָר פון די פינסטערע עלעמענטען פער-שלאָסען זייערע בוידען און אוועק אין דער קהלה. האב איך זיך צוגעהערט צו זייערע קלאָג-לידער, און אָט וואס זיי האבען אויסגעקלאָגט. דערצעהלט אַ יודענע און טרעהרען גיסען זיך איהר איבער'ן פּנים: אין אונזער אומגליק זע-נען אין אַ גרויסער מאָס אויך שולדיג יודען אַליין. שטעלען זי זיך פאַר, אַז איך האַנדעל ביי איין סוחר שוין אי-בער דרייסיג יאָהר. פיהר איך זיך, אַז ווען איך קום נאָך אַ טראַנספּאָרט סחורה בעצאהל איך פאר די ביז-יעצט פער-קויפטע סחורה. היינטיגע וואָך אבער –זאָגט זי ווייטער–ווען איך בין געקו-מען נאָך אַ טראַנספּאָרט סחורה, האט דער סוחר פון מיר צוגענומען דאס געלד פאַר'ן פּוריגען טראַנספּאָרט און קיין פרישען מיר נישט געוואָלט געבען. אנשטאט דעם גיט ער אבער גרויסע קוואַנטומס סחורות, אָהן געלד, מיינס אַ קאָנקורענטין, אַ קריסטין. אַזוי, אז די נייע סוחר'טע שרייט פשוט געוואַלד, דאס זי קריגט אַ סך מעהר, ווי זי פער-לאַנגט.

דערהערענדיג די קלאָג-ערצעהלונג פון דער יודענע, האט יעדער פון די אַרומיגע אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אַז די אַלע נייע קריסטליכע סוחרים, וועלכע האבען זיך געמאַכט סטראַגאַ-נעס, בעקומען גרויסע קרעדיטען דוקא פון יודישע הורטאָווניקעס.

דאַגעגען די יודישע סטראַגאַניאַזשעס בעקומען נישט מעהר קיין קרעדיט פון די יודישע סוחרים.

אַ צווייטער דערצעהלט ווייטער, אַז צווישען די פּיקעטען, וועלכע שטעהען פאר די יודישע געוועלבער, געפינען זיך אַ גרויסע צאָהל אַרבייטער, וועלכע זענען בעשעפטיגט אין יודישע פאַבּרי-קען. אָט, ווען איך האב געבעטען — קלאָגט אַ יוד מיט א פּערשוויצטען שטערען — דעם יודישען פאַבּריקאַנט, אַז ער זאָל צונעמען מיינס אַ זוהן צו דער אַרבייט, האָט ער מיר, געענט-פערט, דאס יודען טויגען נאָר צום האַנדלען און נישט צו דער אַרבייט. און איצט שטעהען זיינע קריסטליכע אַרבייטער און נעמען אונז אוועק אויך דעם האַנדעל. טאָ וואס קומט איצט אויס צו טהון?

צום סוף וויל איך נאָך דערצעהלען עטליכע קוריאָזען:

אַ יודעל מיט אַ יודיש היטעל און אַ קליין בערדיל קומט צו מיר צו לוי-פען און דערצעהלט מיר פאָלגענדעס: איהר ווייסט, פאַניע סמאָל, נעכטען, ווען איך בין אָהיימגעקומען פון גאַס, בין איך געווען אַזוי אויפגערעגט פון דעם, וואָס כ'האב געזעהן, אַז איך האב מיין קריסטליכע דינסט אָבגעשאַפט און איהר געהייסען געהן צו ס'זייערי-גע אויף יום-טוב. איצט בעדויער איך, וויל מיין ווייב מאכט מיר דעם טויט, אַז זי האט נישט ווער ס'זאָל אויפרוי-מען אויף יום-טוב און קיין יודישע דינסט קען מען נישט אַזוי גיך בעקו-מען, האב איך טאַקי צרות. כ'האָב אָבער אַנדערש נישט געקאָנט – קלאַפּט זיך דאס יודעל אין הארץ אריין – כ'האָב געפיהלט, אַז איך מוז נקמה נעמען, האב איך אויסגעלאָזט מיין כעס צו דער קריסטליכער דינסט.

אַ צווייטער דערצעהלט: איך בין געשטאַנען אין דער ערשטער אַלעע פאר אַ ק ר י ס ט ל י ך געשעפט, אויפ'ן האַלז האב איך געטראָגען אַ גרינעם שאַל, זעה איך, ווי עטליכע קריסטען ווילען אַריינגעהן אין געשעפט, נאָר דערזעהענדיג מיך, זענען זיי שנעל אַוועק. לכתחילה, האב איך נישט פערשטאַנען, וואָט דאס איז, נאָר שפּע-טער האב איך זיך געכאַפּט, אַז דאס האבען זיי זיך דערשראָקען פאר מיין גרינעם באַנד, אָננעמענדיג, אַז איך בין פון דער פינסטערער חברה. דער אייגענטימער פון געשעפט, זעהענדיג, אַז קיין קונים קומען נישט אַריין, איז ער אַרויסגעקומען אין גאַס און זעהענ-דיג מיך מיט מיין גרינעם האַלז-טוך, האט ער אויך אָנגענומען, אַז איך גע-הער צו יענער חברה און היט זיין גע-שעפט, מיינענדיג, אַז ס'געהער צו אַ יוד. ער האט דעריבער אויסגעבעטל'ט אַלע שווארצע חלומות צו מיין קאָפּ און מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז איך האב געמאַכט א טעות, אַז זיין געשעפט איז אַ ריין אַרישעס...

זייט מיר מוחל, ליעבע לעזער, וואס איך האב אייך נישט געגעבען, אַזוי ווי איך פיהר זיך מכמה שנים קיין פּסח-פעליעטאָן, נאָר די דאָזיגע אָנגעוואָר-פענע שורות. גלויבט מיר, אַז דאס טהו איך נישט פאר נחת, נאָר כ'פיהל, אז כ'האב געמוזט כאטש אַ קליין טייל פון דעם, וואס קוועלט מיין געמיט, אַרויסברענגען אויפ'ן פּאַפּיר, כדי ס'זאָל פערשריבען ווערען לדורות, ווי אַזוי עס האט אויסגעזעהן אונזער געמיט אין די פאַר-פּסח-טעג פון תרצ"ז, ווען מיר האבען זיך געפונען אין אַ בין-השמשות-שטימונג, בין אור לחושך. סמאָל

י. ל. פויגעל.

ליבעראַליזם אָדער טאָטאַליזם.

(אויפ'ן מאַרגינעס פון דער קאָץ-דעקלאַראַציע).

I.

פון זייט אַן מענשען האבען אנגעהויבען זיך אָרגאַניזירען אין גרופען, פון זייט אַן אויף דער אַרענע פון דער מענשליכער היסטאָריע האט זיך נעבען דעם יחיד און זיין אינטערעס בעוויזען די גרופע, מיט איהרע בעזונדערע, ספּעציפישע אינטערעסען, פון זייט אַן דער צבור האט זיך אין מענשליכען לעבען אנגעהויבען ארויסשלאָגען אין פאָדערגרונד און מאָהנען ויינע רעכט, אַלס זעלבסטשטענדיגער, פון זיינע בעשטאַנד-טיילען אונאָבהענגיגער פאַקטאָר — פון זייט דאָמאָלס אַן געהט נישט אראָב פון טאָג אָרדנונג די שווערע פראַגע אויסצוגעפינען די פאַסיגסטע פאָרם פאַר'ן דאָזיגען קאָלעקטיווען לעבען, הערט נישט אויף צו ענגערן די מענשליכע מוחות דאס פראָבלעם פון אָרגאַניזירען די דאָזיגע ניי-ענטשטאַנענע לעבענס-אָרטען און ס'הערט גלייכצייטיג נישט אויף דער געראַנגעל אַרום דער דאָזיגער האַרבער, קאָרדינאַלער פראַגע. צוליב איהר זענען קעניגען געקעפּט געוואָרען, זענען טראָנען געפאַלען, זענען גאַנצע פעלקער אין בלוט אָבגעגאנגען און זי אליין האט זיך נאָכנישט דערוואָרט אויף איהר ענדגילטיגע, אַלעמען בעפרידיגענדע לעזונג.

צי דאס וועט זיין די פרימיטיווע אור-פאָרם פון געמיינזאַמען לעבען, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם נידריגסטען — לויט דער היעראַרכיע — קאַמעריל פון צבור לעבען, אין דער פאַמיליע מיט איהר פאַטריאַכאַלער, אויף טאָטאַלער הערשאַפט בערוהענדער, נאַטור, צו דאס וועט זיין די שפּעטערדיגע שבט-פאָרם אין וועלכער דער פיהרער (דער עלטסטער אָדער פעהיגסטער פון שבט) אוזורפירט פאַר זיך די גאַנצע מאַכט, צו דאס וועלען זיין די נאָך שפּעטערע, העכערע מלוכה-פאָרמען, וועלכע טוישען זיך זעהר אָפט און שפּרינגען אריבער פון דעמאָקראַטיע צו טיראַניי, פון רעפּובליק צו מאָנאַרכיע און פון ליבעראַליזם צו טאָטאַליזם, כדי דערנאָך ווידער אָדורכצומאַכען דעמזעלבען שפּאַציר נאָר אין א פערקעהרטער ריכטונג — אומעטום אין וועלכער עפּאָכע פון דער מענשליכער היסטאָריע מיר וועלען זיך אנשטויסען, וועלען מיר אַנטרעפען אויף דעמזעלבען געראַנגעל אַרום'ן אויסגעפינען די פאַסיגסטע מלוכה-אָרדנונג.

אויך ביי אונז אין פוילען האט זיך יעצט אַרום דער דעקלאַראַציע פון פּאָלק. קאָץ, וועלכע בעצדייט אייגענטליך אַן'אַנזאָג איינצופיהרען ביי אונז אַ טאָטאַלע אָרדנונג, ענטוויקעלט א הייסע און ליידענשאַפטליכע דיסקוסיע, וועלכע דרעהט זיך בעיקר אַרום דעם פּראָבלעם: ליבעראַליזם אָדער טאָטאַליזם.

געוועהנליך איז מען געוואוינט דאס פּראָבלעם צו פעראיינפאַכען און זייענדיג גענייגט צו קורצע, אבער דערפאַר איבערפלעכליכע פאָרמולען, ערקלערט מען זיך פּשוט און קורץ דעם אונטערשיד צווישען די דאָזיגע צוויי דיאַמעטראַל געגענזעצטע אנשויאונגען: ליבעראַליזם רוקט ארויס אין פאָדערגרונד דעם יחיד, אַנערקענט זיין פּרימאַט, און זוכט זיין נוצען — טאָטאַליזם דאגעגען שטעלט אויפ'ן ערשטען אָרט דעם קאָלעקטיוו, (די מלוכה אָדער דאס פאָלק — אָבהענגיג פון דער קאָניונקטור) רוקט אַוועק אין שאָטען דעם יחיד און אָרדענט אונטער זיין טובה דער טובה פון כלל. ליבעראַליזם זאגט: אַלץ פאַר'ן יחיד — טאָטאַליזם זאגט: אַלץ פאַר'ן צבור.

די דאָזיגע פּאָפּולער-מיינענדע פאָרמולען זענען טאָקי וואס אַן'אמת קורץ, אָבער נישט ווייניגער טעות'דיג. נישט דער טאָטאַליזם רוקט אַוועק אין שאָטען דעם יחיד און נישט דער ליבעראַליזם נעגירט די וויכטיגקייט פון'ם אָרגאַניזירטען צבור-לעבען, וועמען ער אַנערקענט זיינע נישט בעשטרייטבאַרע רעכט.

פּרובענדיג זיך בעקענען מיט וועלכען ס'זאָל נישט זיין טעאָרעטיקער און בעגרינדער פון טאָטאַליזם וועלען מיר באַלד אין די ערשטע הנחות זיינע זעהען, אז דאס העכסטע געבאָט פון זיין טעאָריע, דער אייגענטליכער „ספּיריטוס מאָווענס“ פון דער גאַנצער טאָטאַלער מאַשין, איז נישט עפּיס אַנדערש, ווי טאָקי די טובה פון יחיד. פאַר זיין טובה וועגען ווערט אויסגעבויט דער דאָזיגער גאַנצער, קאָמפּליצירטער מלוכה-אַפּאַראַט, פאַר זיין טובה וועגען אינגערירט די מלוכה אין זיינע אינטימסטע לעבענס-ספערען און פאַר זיין טובה וועגען ווערט ער אליין איינגאַנצען איינגעשפּאַנט אינ'ם רידוואַן פון א. ג. מלוכה-אינטערעס, וועלכער איז נישט און קען נישט זיין עפּיס אַנדערש, ווי דער אינטערעס פון אַלע, אָדער — ווי ס'וויל צב"ש. די דעקלאַראַציע פון פּולק. קאָץ — פון א טייל מלוכה-בירגער. אַלע טעאָרעטישע פּרובען צו שאַפען פון דער מלוכה אַן'אָרגאַניזם, וועלכער עגזיסטירט אויסער און אונאָבהענגיג פון איהרע בירגער און וועלכער קען האבען זיינע, אייגענע, זעלבסטשטענדיגע אינטערעסען, וואס דעקען זיך נישט אָדער זענען גאָר טיילמאַל אין סתירה מיט די אינטערעסען פון די בירגער — אַלע דאָזיגע פּרובען שטויסען אַריין דאס דאָזיגע פּראָבלעם אין דער ספערע פון מעטאַפיזיק און בעשאַפען אַ פעטיש, צו וועלכען זיי הייסען דיגען, נישט קענענדיג אליין בעגרינדען פאַר וואס און צוליב וואס.

פון דער צווייטער זייט ווידער וויל נישט דער ליבעראַליזם, אפילו אין זיין עקסטרעמסטער פאָרם, בעזייטיגען גענצליך די אָרגאַניזירטע אָרדנונג, אָדער צונעמען איהר דאס רעכט צו הערשען און בעפעהלען. אזא ליבעראַליזם וואָלט שנעל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַנאַרכיע און צו דעם שטרעבט דאָך נישט קיינער פון די ליבעראַלען. דאַ — פּונקט אזוי, ווי אין טאָטאַליזם — געהט גאָר אין דער טובה פון יחיד. נישט מעהר, וואָס דער ליבעראַליזם וויל די דאָזיגע טובה דערגרייכען דורך געבען דעם יחיד די מעגליך גרעסטע ספערע, אין וועלכער ער זאָל זיך קענען פריי בעוועגען. דערגרייכענדיג די טובה פון יחיד — האַלט דער ליבעראַליזם — ווערט ממילא דערגרייכט די טובה פון צבור, וועלכער איז דאָך נישט עפּיס אנדערש, ווי א סומע פון יחידים.

ביידע דאָזיגע דיאַמעטראַל געגענגעזעצטע ריכטונגען שטרעבען אַלזאָ צו דעמזעלבען ציעל, ביידע שטעלען זיך דיזעלבע אויפגאַבע צו ערפילען — זיי צוגעהען זיך אָבער דאַן, ווען זיי דאַרפען אויסקלויבען די מעטאָדע, מיט דער הילף פון וועלכער זיי זאָלען רעאַליזירען דעם געמיינזאַמען ציעל.

וואו ליגט די אייגענטליכע סיבה פון דער דאָזיגער מיינונגס-פערשידענהייט ?. פונוואַנען דערנעמט זיך אזאַ פּרינציפּיעל פערשידענער צוגאַנג צו איין-און-דערזעלבער פראַגע ? וועגען דעם אין קינפטיגען אַרטיקעל.

ווילנע — ירושלים דליטא

(פון א בעזוך)

5.

יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט (יוו"א)

ס'וועט נישט זיין איבערטריבען, ווען כ'וועל זאָגען, אז 90 פּראָצענט, וואס האט מיך בעוואויגען דוקא איצט אין ווינטער-צייט צו פאָהרען קיין ווילנע איז געווען די נייגעריגקייט צו זעהן דעם מרכז הרוחני, אין א וועלט-פערנעהם וואס געפינט זיך אין ווילנע.

רעדט מען דאָך און מען שרייבט וועגען דעם גרויסען אוצר, וואס איז און ווערט געזאַמעלט אין יוו"א. זענען דאָך אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע ווינקעלען, וואו ס'קלאַפּט נאָר א יודישער דופק פערהאַנען קאָמערלעך און פריינד פון יוו"א, און ווערט דאָך דער יוו"א בעזינגען און בעוואונדערט פון די אַלע, וועלכע זעהען איהם. טאַ ווי קאָן מען האבען א האַרץ, ווען מען האט נאָר די מינדעסטע מעגליכקייט, נישט צו בעזוכען דעם יוו"א. האָב איך טאָקי, בעת איך בין שוין געווען אין ווילנע און געגאַנגען בעזוכען דעם יוו"א, געכאַפּט א ציטער, א שטיקעל פיבער.

גראָד האט זיך געמאכט, אז כ'האָב נישט געהאט מיט וועמען צו געהן אין יוו"א. און א רעגענדיגער טאָג איז אויך געווען. בין איך צו צו א יודישען דראָזשקאָזש און איהם געזאָגט איין וואָרט: יוו"א, האט ער נישט גערעדט דאס צווייטע וואָרט, נאָר האָט באַלד געהייסען מיך איינזעצען און צוגעפיהרט צום קדשי-הקדשים פון יודישען וויסען, צום יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט.

ווייט פון ווילנער יודישען צענטער אין גרויס שטאָדטישען געזריש, שוין ביים סאַמע ענדע פון דער שטאָדט, אין א שטילער, ריינער, נאָך גאָר א יונגער, נישט-לאַנג צוגעקומענער גאַס שטעהט אַן'איין-שטאָקיג הויז און אַט אין דער דאָזיגער געביידע געפינט זיך דער יודישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט.

דאס גייסטיגע מאַטעריאַל און שאַפען פון מאָדערנעם, קולטורעלען, יודישען לעבען, וואס איז צוזייהט און צושפּרייט איבער ארבע פנות העולם, ווערט אומעטום צונויפגעזאַמעלט און אָבגעשיקט צו בעהאַלטען אויף דער צוקונפט אין די פון פייער בעשיצטע יוו"א-קעלערען.

דערצעהלען געגוי די גלגולים און חבלי-לידה פון די גרינדער און בויער פון ווילנער יוו"א איז איבריג, ווייל נישט דאס איז מיין אויפגאַבע. איך וויל נאָר איבערגעבען אין קורצע שטריכען וועגען דעם, וואס איך האָב דאָרט געזעהן און וואס פאַר א איינדרוק דאס האט אויף מיר געמאכט.

צום בנין קומען מיר צו דורך א לאַנגען הויף שטעלענדיג די ערשטע שריט, אין גרויסען קאָרידאָר פון פאַרטער, פאַלט גלייך אונזער בליק אויף דער וואַנט, וואו ס'זענען אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע יוו"א גרינדער און אונטערשטיצער. פון אונטער גלעזערנע שענקלעך קוקען ארויס צו אונז די נייעסטע יוו"א-אויסגאַבען און אַנדערע ווערק, וועלכע האבען זיך אַט נאָר וואס בעוויזען אויפ'ן ביכער-מאַרק.

אין דער געביידע פון יוו"א הערשט א שטילקייט, וועלכע מ'קאָן אָנטאַפּען ממש מיט די הענד. אין אזא אינסטיטוט, וועלכען ס'בעזוכען אין משך פון טאָג א שפּאָר ביסעל מענשען און קיין אנגעשטעלטע פעהלט אויך נישט, הערט מען לגמרי נישט קיין שום געשריי, טומעל, קלאַפּען מיט די טהירען און אפילו רעדען הויך אויפ'ן קול. די אַרומיגע אַטמאָספערע איז אַזאַ, אז מען ווערט בעגייסטערט איידער נאָך מען קוקט אָן דעם גאַנצען אומשעצבאַרען קולטור-פערמעגען, וואס געפינט זיך אין יוו"א.

אין סעקרעטאַריאַט האט מען מיך זעהר העפליך אויפגענומען און מען האט מיר צוגעטיילט דעם פריינד שלאָסבערג, וועלכער האט מיט מיר געמאַכט א „שפּאַציר“ איבער'ן יוו"א.

דערצעהלען געגוי מיט אַלע פּרטים, וואס איך האָב אַלץ געזעהן אין יוו"א, איז פיזיש נישט מעגליך. כ'בין פּאָקטיש נישט ביכולת דאס איבערצוגעבען, ווארום וועגען וואס זאָל איך פריהער דערצעהלען. איך האָב געזעהען צייטונגען ארויסגעגעבענע דורך יודען, וואס קומען דאָרט אָן פון אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט; איבער הונדערט טויזענד פאָלקלאָר-ווערטליך, וואס זענען צונויפגעזאַמעלט בכל תפוצות ישראל; הגדות, וועלכע זענען נאָך געדרוקט געוואָרען אין 1609-טען יאָהר אין ווענעציע און זיי זענען איבערזעצט אויף יודיש, בעפּוצט מיט פערשידענאַרטיגע מאַלערייען; די „קאָנוועציאַנעלע ליגענס“ פון מאַקס נאָרדוי, אונטערגעשריבען פון מחבר אויף יודיש; ד"ר הערצלס טאָג-בוך (אין מאַנוסקריפּט) פון זיינע סטודענטען-יאָהרען, אויך ד"ר הערצלס א בילעט, וואס ער האט געהאט, ווען ער איז זיך געגאַנגען גליטשען; אַן'אַלבום צום 75-יעהריגען יובל פון מענדעלע מוכר ספרים און זיינע אייגענהענדיגע בריף. דאָן דעם אסתר רחל קאַמינסקי-מוזעאום מיט הונדערטער אָפּישען, בריף און ראָלען.

איך האָב אויך בעזוכט די עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישע סעקציע, וואו ס'ווערען געזאַמעלט די גענויע ציפערן פון די יודען אויף דער גאַנצער וועלט; ווייטער האָב איך בעזיכטיגט דאס סטודיר-צימער, די אַספּיראַנטען-אָבטיילונג אויפ'ן נאָמען פון ד"ר צמח שאַבאַד, געזעהען טויזענדער, טויזענדער ביכער-זאַמלונגען, טויזענדער אַלטערטימליכקייטען, וועלכע ליגען אויססאָרטירט אין בעסטען אָרדנונג אין די גרויסע פייער-קעלערען פון יוו"א. רייך איז די שלום-עליכם-אָבטיילונג מיט הונדערטער בריעף, איבריגענס, האָב איך באַלד פון אַנהויב בעמערקט, אז ס'איז נישט מעגליך בשום אופן איבערצוגעבען כאָטש א צענטעל טייל פון דעם גרויסען אוצר, וואס געפינט זיך אין יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע.

כ'האָב דאָרט אויך בעגעגענט די זאַמלונגען, וואס אונזער בן עיר, אינזש. ה. ווילטשינסקי האט צוגעשיקט דעם יוו"א, פאַר וועלכען מען איז איהם זעהר דאַנקבאַר און מען דריקט זיך וועגען איהם אויס אלס א גרויסען פריינד פון יוו"א.

דאָן האָב איך זיך אויך אנגעשטויסען אויף א זעהר ווערטפולע מתנה, וואס עס האט צוגעשיקט אויך א געוועזענער בן-עיר אונזער ה' לאַזאַר פּרעגער, א ברודער פון היגען אנגעזעהענעם בעל-הבית גרשון פּרעגער. דאס איז א געוואַלדיגער אוצר פאַר'ן יוו"א.

איך וויל איבערגעבען א קורצע נאָטיץ, וואס מען האט געשריבען וועגען אַט דער דאָזיגער זעהר אינטערעסאַנטער מתנה.

„די מתנה האבען צוגעשיקט די קאַלישער „פריינד פון יוו"א“ מיט ה' ל. פּרעגער אין דער שפּיץ, געפינענדיג זיך אין דער נאָהנטסטער שכנות מיט'ן פּויזנער קאַנט, נוצען אויס די קאַלישער זאַמלער יעדע געלעגענהייט אָבצוראַטעווען מאַטעריאַלען פון די דאָרטיגע אונטערגעגאַנגענע אָדער אונטערגעהענדע יודישע ישובים און איבערצושיקען זיי קיין ווילנע. אזוי אַרום פערמאָגט שוין דער "יוו"א" א סך היסטאָרישע מאַטעריאַלען וועגען די יודישע קהלות אין פּויזנער קאַנט. צווישען זיי איז אָבער די צוגעקומענע גריידיצער זאַמלונג א זעלטענהייט.

„גריידיץ“ (אויף דייטש — גרעץ), אַ קליין שטעדטיל אין פּויזנער קאַנט, איז מיט אַ סך יאָהרען צוריק געוועזן בעריהמט אין דער יודישער וועלט מיט איהר רב און רבי, ר' אליהו גוטמאַכער (1796—1874). „דער גריידיצער רבי“ איז געווען אַ גרויסער למדן און מקובל, א רבי מיט חסידים, וואָס „פיהרט טיש“, נעמט קוויטלעך און גיט ארויס קמיעות. אין דער זעלבער צייט איז ער צוזאַמען מיט ר' הירש קאַלישער געווען איינער פון די פּיאָנערען פון דער חובת-ציון-בעוועגונג. זומער 1860 האט ער אנטייל גענומען אין דער קליינער בעראַטונג פון יחידי-סגולה, וואס ר' הירש קאַלישער האט צונויפגערופען אין טאָרן, כדי אַרומצורעדען דעם ענין פון שאַפען א יודישע קאָלאָניזאַציע-בעוועגונג.

„דער אַרכיוו, וואס האט זיך איבער א האַלבען יאהר הונדערט געוואַלגערט אויף א בוידעם אין פּערוואָרפענעם שטעדטיל, ענטהאַלט טויזענדער דאָקומענטען, בריעף, דעפּעשען, פלוג-בלעטער, קוויטלעך, קמיעות (געשריבענע און געדרוקטע) א. א. וו.

„דעם רבינ'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט זיינע חסידים בעלויכטען די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען אַ חסידישען רבי'ן און זיינע אנהענגער אין מיטען פון 19-טען יאהרהונדערט. צווישען די בריעף פון די חסידים — אין העברעאיש, יודיש (דייטשמעריש) און דייטש, פון פערשידענע לענדער — זענען דאַ זעלטענע מענשליכע דאָקומענטען און ווידוים, וואס ווערען ענטפּלעקט נור אין מאָמענטען פון גרעסטער אויפריכטיגקייט און אינטימיטעט. פאַר דעם פערזענליכען לעבען פון „גריידיצער“ זענען וויכטיג די פאַמיליען-בריעף, וואס געפינען זיך אין דער זאמלונג אין א בעדייטענדער צאָהל.

„צווישען די בריעף איז אינטערעסאַנט איינער מיט א שאלה פון אַ שטעדטיל אין פּויזנער קאַנט. די שרייבער פון בריעף ענטשולדיגען זיך, וואס זיי שרייבען יודיש און נישט „בלשונו קדושה, ווי עס פּאַסט פאַר הרב הגאון נ"י“ און זיי בעטען, אַז אויך די תשובה, „זאָל דער רבי מוחל זיין און שרייבען אין יודיש“, כדי גאַנץ קהל זאָל זיך קענען איבערצייגען, ווי עס איז דער פסק פון רבי'ן“. „דער אַרכיוו פון גריידיצער רבי'ן, וואס ווערט ערשט געבראַכט אין אָרדנונג און סיסטעמאַטיזירט, איז די איינציגע זאַמלונג פון דעם מין אין דער וועלט“.

איך האָב געבראַכט די דאָזיגע נאָטיץ פון גריידיצער רבי'ן, וואס פריינד לאַזאַר פּרעגער האט געזאַמעלט, כדי צו בעווייזען, אַז מיט דעם, וואס פריינד פון יוו"אַ זאַמלען די רעשטלעך פון פערגאַנגענע דורות טהוען זיי אַ גרויסע הייליגע אַרבייט, כדי עס זאָל נישט פערלוירען געהען פאַר די קונפטיגע דורות דאס, וואס אונזערע עלטערען האבען געשאַפען און כדי מיר זאָלען האבען א בעגריף וועגען לעבענס-שטייגער פון די פערגאַנגענע דורות.

אויך געפונט זיך אין יוו"אַ פון זעלבען פריינד פּרעגער די קהלה-אַרכיווען פון וואַנגזשעוואַנא (פאַמאַזשע), פון ווילען (פּויזנער געגענד) און פיעל אַנדערע מאַטעריאַלען.

עטליכע שעה כסדר האָב איך בעטראַכט, שטודירט, בעוואונדערט און נישט דערגרונטעוועט און איך האָב זיך געזעגענט און דאָך נישט אַלעס געזעהן.

אין בוך, וואו ס'שרייבען זיך איין די בעזוכער, האָב איך אויך געפונען די אונטערשריפט פון בעוואוסטען פּוילישען געלערטען טאַדעאוש זאדערעצקי אויף יודיש.

איך בין אוועק מיט אַ אונגעהויערער שפע פון איינדרוקען און געבענשט די הענד פון די בויער, פון די שומרים פון אונזער גייסטיגען אוצר, וועלכער ווערט געזאַמעלט אין דער גאַנצער וועלט און ווערט בעהאַלטען און אָבגעהיטען אין יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע.

ווען איך בין געזעסען אויפ'ן שליטען, וועלכער האט מיך צוריקגעפיהרט אין שטאָדט אריין, האָב איך געטהון אַ נדר, אז ביי דער ערשטער מעגליכקייט, וואס איך וועל נאָר האבען, וועל איך זיך בעמיהען נאָכאַמאָל צו קומען קיין ווילנע און אויסשטודירען דאס, וואס איך האָב ביים ערשטען מאָל נישט געהאט די מעגליכקייט צו זעהען.

ש. פראַנק

ZAWIADOMIENIE.

Mam zaszczyt zawiadomić, iż po powrocie z Paryża, gdzie ukończyłem Państwową Akademię Kroju i Szycia, z wieloletnią praktyką najpoważniejszych firm w Warszawie, otworzyłem

Pierwszorzędny Paryski Zakład Krawiecki Męski pf. „TRES-CHIC"

w Częstochowie przy ul. Najśw. Marii Panny 33 m. 13, telef. 11-87.

Zakład mój jest zaopatrzony w najnowsze towary sezonowe krajowe i angielskie oraz żurnale z Domów Mód francusk. i angielsk. Wykonanie solidne. Praca wykwintna. Warunki dogodne. Polecając się łask. względom Sz. Klijenteli, pozostaję z poważaniem

M. Rozenblum, dypl. akademik Państw. Akad. Kroju i Szycia w Paryżu.

Towarzystwo Handlowo-Przemysłowe

„JAKÓB GUTMAN“ Spółka Akcyjna

Oddział w Częstochowie, Piłsudskiego 35.

Telefon 11-21.

Poleca ze składu:
Żelazo handlowe, przemysłowe i budowlane
belki żelazne (tregry)
blachę i bednarkę.

Odlewnia „Wulkan“ spółka z o. o.

w Częstochowie, ul. Tartakowa № 31—37. Telefon 13-93.

WYKONUJE wszelkie odlewy lano-kute i żeliwne pierwszorzędnej jakości w stanie obrobionym i nieobrobionym wg. dostarczonych modeli, wzorów lub szkiców.

SPECJALNOŚĆ: z działu odlewów lano-kutych — części do rowerów, maszyn rolniczych i wyżymaczek.
z działu odlewów żeliwnych — rury kanalizacyjne i kształtki oraz dla celów przemysł.

Codziennie odlew.

Stale na składzie wiertarki szybkobieżne, stołowe i kolumnowe.

TOWARZYSTWO CZĘSTOCHOWSKIEJ FABRYKI WYROBÓW DRZEWNYCH

„STRUG“ sp. z ogr. odp.

w Częstochowie, Olsztyńska 1. Telef.: 24-06 i 24-61.

poleca jako specjalność: **posadzkę dębową** w gwarantowanej jakości oraz wszelkie masowe wyroby drzewno - tokarskie i stolarskie.

Częstochowska Fabryka Papierów Kolorowych

Wytwórnia zeszytów szkolnych i wyrobów papierowych
Hurtownia papieru i materjałów piśmiennych

p. f. „Express“ wł. Ch. Hirszberg

Częstochowa, Katedralna 3-5.

Telefony: 11-22 i 25-10.

Skład żelaza i odlewów

oraz części do narzędzi rolniczych

Sz. Orbach

CZĘSTOCHOWA, UL. WARSZAWSKA № 3.

Telefon 22-38.

TKALNIA i APRETURA JUTY, LNU i KONOPI

„KOJULEN“ sp. z ogr. odp.

Częstochowa, Warszawska 113-115. Telef. 18-21

Produkuje:

TKANINY LNIANE: ręcznikowe, obrusowe, szare do haftowania i kremowe, maglowniki, drylichy oraz leżakowe.

Płótno usztywnione, krawieckie: jutowe i lniane.
TAŚMY TAPICERSKIE: lniane i jutowe.
TKANINY do CELÓW PRZEMYSŁOWYCH

marka ochr. „Kon-Kon“.

Fabryka wózków dziecięcych i łyżew

KONGRECKI i KON, Częstochowa

Dąbrowskiego 44-46.

Konto w P. K. O. № 63.746.

Telefon № 20-19.

Adr. telegr.: „KON-KON“.

Fabryka Noży i Nożyczek

Natan Działoszyński

Częstochowa, Al. Kościuszki 12.

Telefon 24-54.

Biuro Ekspedycyjne

„CZĘSTOCHOWSKA SPÓŁKA“

CZĘSTOCHOWA, PIŁSUDSKIEGO 13-15.

Telefon 18-84.

„HENRYKÓW“

Telefon 18-81. **Sp. z ogr. odp.** Skrz. poczt. 125

Fabryka Płynnego Kwasu Węglanego

poleca swoje wyroby

CZĘSTOCHOWA STRAŻACKA № 28

Zakłady Ceramiczne „Anna“

D. S. Zandberg w Lisieńcu

obok Częstochowy

Kantor: Częstochowa, Al. Kościuszki 21. Tel. 17-49.

poleca cegłę maszynową po cenach przystępnych.

FABRYKA ŁYŻEK i KŁÓDEK

J. SZ. i B. LANDAU

CZĘSTOCHOWA

Krótka № 10. — Telefon № 10-06.

Egzystuje od r. 1880.

משה אש

זכרונות
פון מלחמה-יאהר 1915.

גלייך דעם ערשטען טאג נאכ'ן מלחמה-אויסברוך איז טשענסטאכאו געווארען אקופירט דורך די דייטשען. די שטאדט איז געווען ווייניג פערזעהען מיט שפייז-פראדוקטען. דער צופיהר פון די שכנ'ישע שטעדט איז דורך די רוסען פערהינדערט געווארען און עס האט זיך געפיהלט א מאנגעל אין לעבענס מיטעל.

עס האט אנגערוקט דער ערשטער פסח, זייט טשענסטאכאו איז בעזעצט געווארען דורך די אקופאנטען. די היגע כלל-טהוער זענען געווען בעזארגט: פון וואנען נעמט מען ווייץ, בכדי צו קענען מאהלען יו"ט'דיג מעהל אויף מצות? עס זענען כסדר אבגעהאלטען געווארען אסיפות אין רב'ס וואוינונג וועגען דאזיגען ענין. מ'האט אבער נישט געקאנט קומען צו קיין רעזולטאט.

אומגעריכט איז אבער געקומען די ישועה.

עטליכע טעג פאר פורים האט זיך געמאלדען צו די ראשי-הקהלה, דער היגער תבואה-סוחר גרונם מאיר און ערקלערט, אז צוויי וואכען פאר דער מלחמה האט ער געקויפט ביים דאמבראוויצער פריץ 200 קערץ ווייץ, די סחורה בעצאהלט, נאר אזוי, ווי צוליב דער מלחמה איז טשענסטאכאו געווארען אקופירט, האט ער נישט געקענט די סחורה אבנעמען, ווייל דארט האבען זיך געפונען די רוסען. יעצט, ווען דער צופאהר נאך ד. איז שוין מעגליך, איז ער מסכים איבערצוגעבען דער היגער קהלה זיין קניה מיט א קליינעם פראפיט, און ר'האט פארגעשטעלט א קאנטראקט, וואס האט בעשטעטיגט זיינע ווערטער.

די ראשי-הקהלה האבען מסכים געווען צו דעם נעשעפט מיט גרויס צופרידענהייט. יעדאך אבער האבען זיי געשטעלט א תנאי, אז אלע הוצאות, ביז דער ווייץ וועט זיין אין טשענסטאכאוו, מוז טראגען דער סוחר גרונם מאיר זעלבסט. ערשט, ווען די סחורה וועט זיין אין בעזיץ פון דער קהלה, בעקומט ער אויסגעצאהלט זיין געלד מיט'ן ריוח.

דאס אויספיהרען דעם דאזיגען ענין איז דעם שרייבער פון די צייל'ען אנפערטרויט געווארען.

די ראשי-הקהלה האבען מיר מיטגעגעבען א בריעף צום ד. פריץ, אין וועלכען עס איז איהם מיטגעטיילט געווארען, אז דער ווייץ, וואס דער יוד גרונם מאיר האט ביי איהם געקויפט, איז איבערגעגאנגען אין רשות פון דער טשענסטאכאווער קהלה, צום געברויך פון מצות אויף פסח, און געבעטען — דעם ווייץ ווי אמשנעלסטען איבערצוגעבען.

מיט'ן בריעף און קאנטראקט אין דער האנד האב איך מיך געלאזט מיט'ן סוחר גרונם מאיר נאך ד.

דעם ד. פריץ האבען מיר אבער נישט געטראפען. ער איז דורך די רוסען, בעת'ן ריקצוג מיטגענומען געווארען אלס זאקלאדניק, דאגעגען האט אונז דארט עמפאנגען דער פערוואלטער, וועלכער איז געווען בעקאנט אין דער סביבה אלס גרויסער שונאי-ישראל.

דער פערוואלטער האט רוהיג אדורכגעלעזען דעם בריעף פון דער קהלה, אויסגעדריקט זיין גרויס צופרידענהייט, וואס די ווייצען וועלען בענוצט ווערען אויף אזא הייליגען צוועק, ווי מצות אויף פסח. ער איז גרייט דעם קאנטראקט אויסצופיהרען און אונז בעשטעלט אויף 4 נאכמיטאג צו קומען מיט פוהרען, בכדי איבערצונעמען די תבואה.

נישט זייענדיג חושד דעם פערוואלטער אין בייזע כוונות, זענען מיר צוגעגאנגען אין נאהענטען דארף שוו., וואו עס האט געוואוינט איינאיינציגער יוד, א בעקער, עפיס טועם צו זיין, און געווען זעהר צופרידען, וואס אונזער מיסיע איז גלענצענד געלונגען.

איך, וועלכער בין געווען דער גאנצער עסקן אין דער דאזיגער אונטערנעהמונג, האב מיך געהאלטען שטאלץ און געגעבען צו פערשטעהן מיין קאמפאניסט גרונם מאיר, אז נאר א דאנק מיר האט דער פערוואלטער גלייך מסכים געווען צו געבען די ווייצען, און זיך פארגעשטעלט אין דער פאנטאזיע דעם גרויסען דאנק, וואס איך וועל בעקומען פון די טשענסטאכאווער כלל-טהוער פאר מיין שתדלנות נישט צו לאזען די יודען, זיי זאלען בלייבען ח"ו פסח אהנע מצות. געוועהנליך וועל איך דאך נישט זאגען, אז דער פערוואלטער האט תיכף מסכים געווען צו געבען די ווייצען, נאר, אז איך האב געהאט א שווער שטיקעל ארבייט ביז מיר איז דאס געלונגען.

דער בעקער האט אונז מקבל פנים געווען בסבר-פנים-יפות; אויסגעפרעגט, וואס הערט זיך אויף דער וועלט, ווען וועט זיך די מלחמה ענדיגען; גלייכצייטיג איז ער נייגעריג געווען: וואס טהוען צוויי יודען מלחמה-צייט אין אזא העק ווי שוו....

איך האב איהם דערצעהלט, צוליב וואס מיר זענען אהערגעקומען, ווי אויך וועגען דער גרויסער צופרידענהייט, וואס דער פערוואלטער פון ד. האט ארויסגעוויזען, הערענדיג, אז די ווייצען וועלען בענוצט ווערען אויף מצות פאר יודען, און געבעטען דעם בעקער אונז בייהילפיג צו זיין מיט'ן שאפען פוהרען, ווי אויך ביים לאדענען די תבואה.

דער בעקער האט מיך רוהיג אויסגעהערט, און אננעהמענדיג זיך ביי זיין לאנגער בארד, האט ער אויסגעדריקט זיין צווייפעל אין אונזער גאנצען ספור-המעשה, ווארום, ווי איהם איז בעקאנט דער פערוואלטער, איז ער נישט אזא גרויסער אוהב ישראל, וואס זאל וועלען פערזארגען יודען מיט מצות אויף פסח. פארט אבער איז ער מסכים צו פערשאפען די געווינשענע וואגענס, ער זאגט זיך אבער אב אונז צו העלפען ביים לאדענען, ווייל ער וויל נישט איבערטרעטען די ד' אבות פון דעם רשע.

מיר האבען זיך פון זיין בעמערקונג אויסגעלאכט און אנגענומען זיין פארשלאג צו שאפען די פורמאנקעס.

נאך צוויי שעה זוכען, האבען מיר בעקומען די פערלאנגטע פוהרען, געגעבען האנדגעלד און בעשטימט, אז 4 א זייגער נאכמיטאג זאלען זיי זיך געפונען אין ד. „הויף“.

פונקט 4 א זייגער זענען מיר געווען אין „הויף“, וואו עס האבען שוין אויף אונז געווארט די פורמאנעס מיט זייערע פוהרען, אויך איז שוין דארט געווען דער פערוואלטער, וועלכער האט אונז ערקלערט, „אז ער איז גרייט צו אונזער דיענסט“.

דער ווייץ איז געלעגען אויסגעשפרייט אויף דער ערד. דער פערוואלטער האט פון אונז פערלאנגט צוצוטראגען די זעק. מיר האבען אבער קיין זעק נישט געהאט, ווייל מיר האבען זיך נישט גערעכט בעת'ן ארויספאהרען פון טשענסטאכאו אויף אזא שנעלען ערפאלג, און דעריבער געבעטען דעם פערוואלטער צו פערקויפען אונז זעק, אדער אזעלכע געגען א גאראנטיע צו בארגען.

דער פערוואלטער האט אבער דערויף נישט איינגעשטימט, ערקלערענדיג, דאס הייסט, מלחמה-צייט, קען פאסירען, אז ס'זאל איהם אויספעהלען זעק, דאן וועט ער נישט האבען מיט וואס צו לאדענען זיינע תבואות, און דעריבער פערלאנגט מיר זאלען זיך די זעק פערשאפען.

ווידער האבען מיר זיך געלאזט איבער'ן דארף זוכען זעק. ערשט נאך עטליכע שעה איז אונז מיט דער הילף פון בעקער געלונגען צו בעקומען די נויטיגע צאהל זעק, וועלכע זענען געקויפט געווארען צו לעגענדארישע פרייזען און 7 א זייגער בייגאכט זענען מיר צוריק געווען אין „הויף“.

די פויערישע בעלי-עגלות האבען אונז מקבל-פנים געווען מיט דער בעקאנטער „ברכה המשולשת“, אויטגעדריקט זייער כעס פאר'ן איבערלאזען זיי שטעהן אין אזא גרויסער פראסט מיט פערד און פוהרען. ערשט נאכדעם ווי מיר האבען בעצאהלט זייער חוב אין דער שענק, וואס זיי האבען במשך די עטליכע שעה געמאכט. האבען זיי זיך בערוהיגט.

דעם פערוואלטער האבען מיר אבער שוין נישט אנגעטראפען. נאכ'ן ארומזוכען עטליכע שעה, האבען מיר איהם געפונען ביים אפטייקער, וואו ער האט מיט חברים און חבר'טעס געמאכט א קערמיל. עס האט איהם זעהר פערדראסען, וואס מיר זענען איהם געקומען אויפזוכען אין אזא שפעטער שעה און נאך דערצו אין א פרעמדער וואוינונג, יעצט איז פאר איהם א צייט פון ווילען זיך און געהייסען אונז קומען מארגען 9 א זייגער פריה וועט ער אונז ערלעדיגען.

עס האבען נישט געהאלפען אונזערע בקשות און תחנונים, אז די פוהרען קאסטען אב א הון רב און מיר זענען פון איהם אוועק מיט גארנישט.

מיין בעגלייטער האט נעביך געמוזט בעצאהלען די בעלי-עגלות דאס גאנצע געלד, וואס ער איז משווה געווארען, און זיי בעשטעלט אויף צומארגענס פריה.

מיעד, הונגעריג, זענען מיר צוריק נאך שוו. צום בעקער עפיס טועם זיין און גלייכצייטיג זארגען וועגען א נאכטלעגער.

איך, אלס דעלעגאט פון דער טשענסטאכאווער קהלה, האב דעם כבוד געהאט צו בעקומען א קינדער-בעט, וואס דער בעקער האט ספעציעל פאר מיר אויסגעלערט און ארייגגעשטעלט אין דער ווארימער פיעקארניע, דאגעגען מיין בעגלייטער האט בעקומען זיין שלאף-פלאץ אויפ'ן פיעקיליק.

מיין בעגלייטער האט זיך א גאנצע נאכט געווארפען אויף זיין הארטען געלעגער פאר אויפרעגונג צוליב די גרויסע קאסטען, וואס ער האט שוין ביז יעצט געהאט און אויפ'ן קול פילאזאפירט, אז ווען די יודען, וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, וואלטען געהאט מעהר פערשטאנד און אנשטאט דעם, וואס זיי זענען ארומגעלאפען די גאנצע נאכט פון „ליל שמורים“ זיך

מיין הגדה של פסח.

די הגדה של פסח פון ת"צ"ו וועט זיין אי צו זאגען אי צו זינגען, דערפאר אבער וועט נישט זיין צו פיעל צו עסען און צו טרינקען, מחמת די פרנסות זענען געווארען שוואכער און די אכילה ושתיה איז געווארען טייערער, אזוי אז אויב מען וועט א סך זאגען, וועט מען אפשר פערגעסען אין דער אכילה.

בעור-חמץ

נעם צונויף דאס ביסעל סחורה, וואס ס'איז דיר געבליבען און בעהאלט עס אלס אנדענקען, אז דו האסט אמאל געהאט א סטראגאן, אויב נישט וועט מען עס דיר מבער זיין און עס מאכען הפקר כעפרא דארעא.

איצט שטעל אוועק דעם כוס, וואס איז איבערפולט מיט צרות און פעניות און זאג:

הא לחמא עניא

דער גאנצער קאמף, וואס מען פיהרט נעגען אונז אויף אלע פראנטען, איז אלץ צוליעב דעם ביטערען שטיקעל ברויט, וואס מען וויל אונז אוועקנעמען פון מויל. כל דכפין—שרייט מען צו די הונגעריגע פויערים אין דארף—ייתא ויכול—זאלען קומען אין שטאדט אריין וועט ער האבען גענוג צו עסען... כל דצריך—ווער עס איז נויטבעדערפטיג—ייתא ויפסח—וועט האבען גרייט א סטראגאן און וועט מאכען א לעבען. די יודען אבער זאגען—השתא הכא—מיר זענען דא געבוירען, געלעבט, געארבייט, געשאפען די אינדוסטריע, אויפגעלעבט דעם האנדעל און די ענדעקעס ווילען, אז לשנה הבאה, אז כאטש אין א יאהר ארום זאלען מיר זיין בארעא דישראל זאלען מיר אויסוואנדערען באדיי נאך ארץ ישראל.

מה נשתנה

שטעל דיך אוועק פרעגען קשיות: פארוואס זענען מיר עטעס פלוצים געווארען איבריג אין פוילען; פארוואס האבען די סאנאטארען זיך אנגעהויבען צו איבע'ציליציטירען מיט די ענדעקעס אין אנטיסעמיטיזם.

שבכל הלילות, מען קאן נישט זאגען, אז מיר האבען אונזער גאנץ לעבען נישט געהאט קיין פינסטערע נעכט פון צרות, אנו אוכלין, האבען מיר כאטש געהאט צו עסען חמץ ומצה—הלילה הזה, ביי די היינטיגע צרות, וועלכע זענען סאמע פינסטערע נעכט—כלו מרור, האבען מיר אינגאנצען נישט צו עסען קיין שטיקעל חמץ, נאר בלויז מרור.

מה נשתנה—בעסער פרעג נישט צו פיעל, ווייל ס'וועט דיר קיינער סייווי סיי נישט ענטפערן.

עבדים היינו

הערסט א מעשה, מיר האבען פרעטענסיעס. הלמאי מיר זענען געווען עבדים און געארבייט ביי פרעה'ן. היינט, דאכט זיך מיר, וואלט געווען דאס גרעסטע גליק, ווען מען זאל אונז וועלען צונעמען אלס עבדים, אלס ארבייטער אין די פאבריקען.

הרי אנו ובנינו—מיר און אונזערע קינדער וואלטען געוואלט געהן צו דער ארבייט; וואס קומט אבער ארויס, אז מען זאגט אונז: כלנו חכמים, אז מיר זענען צו קלוג, אז מיר טויגען נישט צו זער ארבייט.

כלנו יודעים את התורה—די יודישע פאבריקאנטען האבען אויך א תירוץ, באשר מיר וועלען זיך אויסלערנען די תורה, זיך אליין פערלייגען א פאבריקעל און מיט זיי קאנקורירען, מצוה עלינו—איז דעריבער א מצוה אונז צו לאזען הונגערען און נישט צו בעשעפטיגען אין זייערע פאבריקען.

מעשה ברבי אליעזר

איהר קאנט דאך די מעשה, ווי אזוי אונזערע דאזארעס זענען זיך צונויפגעקומען אויף אסיפות, וואו מען האט געטראכט צו פערזארגען די ארימע לייט מיט קויהלען והיו מספרים כל אותו הלילה—א'ז מען געזעסען גאנצע נעכט, עד שבאו—ביז ס'איז אנגעקומען דער זומער און מען האט שוין נישט געדארפט קיין קויהלען.

אמר רבי אלעזר

האט איינעם פון אונזערע דאזארעס זיך פערגלוסט צו ווערען א פרעזעס, האט ער געזאגט: הרי אני, נאר איך בין דער, וועלכער בין ראוי צו דעם דאזיגען אמט, ולא זכיתי אזוי אבער ווי איך האב נישט זוכה געווען מען זאל מיך אויסוועהלען, וועל איך שוין וויסען וואס צו טהון—עתאמר, האט ער אנגעהויבען צו רעדען צו „דריטען צד“ אזוי און אזוי אויסגעטראכט בלבולים, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשות, למען תזכור, מען זאל איהם האבען צו געדענקען—כל ימי חייך ארויס אויפ'ן גאנצען לעבען...

ברוך המקום

געלויבט איז גאט, זאגט דער זעלבער חכם, וואס עס איז דא א מקום, וואו מען קאן אנקומען און דערצעהלען, וואס עס טהוט זיך ביי אונז אין אונזער יודישען לעבען. ברוך הוא—דערביי האלט מען אין איין בענשען אין איין חנפ'ענען און זינגען „מה יפית“ פאר'ן פריץ כנגד—און מען דערצעהלט מלשינות געגען די אייגענע ברידער—אחד חכם—דערזעלבער האלט זיך פאר א גאנצען חכם, און מיינט, אז ער האט דערמיט געטהון די גרעסטע חכמה.

תם מה הוא אומר

טאמער קומסטו און ווארפסט איהם פאר: היתכן, ווי וואגסטו דאס צו טהון, עס איז דאך א חילול-השם געגען כלל ישראל—מאכט ער זיך גאר פאר א תם, ער הויבט גאר נישט אן צו וויסען פון קיין פתרון און קיין חלום, אזוי ווי ער וואלט געווען א שאינו יודע לשאול.

בכל דור ודור

מען קאן נישט זאגען, אז די פעריצייטישע דורות האבען זיך געלעבט גליקליך און צופרידען, אוודאי האט מען זיי אויך געברענט און געפייניגט, אבער צוליב די צרות, וואס אונזער דור לעבט אדורך, וואלט טאקי שוין געווען צייט, אז הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם, אז מען זאל שוין געהאלפען ווערען.

צא ולמד

אדרבה, פרוביר צו וועלען לערנען אין אוניווערזיטעט, ביזטו דאך איינגעשטעלט מיט'ן לעבען, מה בקש לבן וואס ווילען די כוליגאנעס פון אונז האבען—לעקר את הכל—זיי ווילען אונז פערניכטען מיט'ן ווארצעל.

ונצעק

הויבען מיר אן צו שרייען: געוואלד, גזלנים, וואס האט איהר זיך אנגעזעצט אויף אונז, וואס ווילט איהר האבען פון אונזער לעבען—אבער קיינער הערט נישט אונזער וועה-געשריי, כאטש נעם און רעד צו דער וואנד.

ביד חזקה

עס ווערט איינציגווייז פערשווינדען די דעמאקראטיע און עס הערשט די דיקטאטור, דער „פיהרער“-סיסטעם, און דער סוף איז, אז דאס געהט אלץ אויס צו אונזער קאפ.

נאך א פשט איז—ביד חזקה, אז אויב עס האנדעלט זיך וועגען אונז יודען, ווייזט מען אונז די יד חזקה, געהט עס מיט'ן מידת הדין, אהן רחמנות.

ובאותות זה המטה

דאס איז אמת, היינטיגע צייטען איז דער שטעקען דער איבערצייגענדסטער ארגומענט, די סטודענטען נעמען דאס מיט אין אוניווערזיטעט אריין, אנשטאט ביכער. מיט'ן שטעקען שלאגען זיי די יודען און מאכען זיי צייכענס. ובמופתים זה הדם—זיי בעווייזען אזעלכע וואונדער מיט זייערע שטעקענעס, אז פון די יודישע סטודענטען רינט ביז בלוט.

דם ואש

אין 20-טען יאהרהונדערט האלט מען אין איין פרעדיגען וועגען פראגרעס און ציוויליזאציע, וועגען ברודערליכקייט און מענשען-ליבע. אויב איהר ווילט קאנט איהר סימנים וועגען דעם געפונען אין דייטשלאנד רייך, אין איטאליען שפאניע, אין אביסיניע און אויך אין אנדערע ווייטע און נאהענטע מקומות...

נו יא, מען דארף נאר וויסען דעם ריכטיגען טייטש דערפון; היינט ווערען אט די אלע רייד וועגען מענשליכער איידעלקייט בעצייכענט מיט די ווערטער, דם, ואש, ותמרות עשן.

כמה מעלות טובות

אמאל האט מען אונז אויסגערעכענט אונזערע מעלות, אז מיר זענען קלוג, פעהיג, בעגאבט, געניאל, רחמנים בני רחמנים, אז מיר זענען געבענטשט מיט אחדות אזוי. אזוי. קומען די ראסיסטען פון אלע לענדער און זאגען פונקט פערקעהרט, אז מיר פערמאגען גאר אלע חסרונות פון דער וועלט, אז מיר האבען קיין איין איינציגע מעלה אויך נישט און דעריבער זענען מיר נאר ווי א געשוויר אויף א פרעמדען קערפער און מען דארף פון אונז וואס גיכער פטור ווערען.

אילו, ווען מען וואלט כאטש גערופען בלויז אונז צו באיקאטירען און נישט אוועקגעשטעלט קיין פיקעטען פאר די געוועלבער — דיינו, וואלט אויך גענוג געווען; ווען מען וואלט געשטעלט פיקעטען און נישט געהאקט קיין שויבען — דיינו; ווען מען וואלט נאר געהאקט שויבען און דערצו נישט געהאקט קיין קעפ — דיינו; ווען מען וואלט אונז אוועקגענומען די פרנסות און נישט געפאדערט מען זאל אונז אינגאנצען פון לאנד פעריאגען — דיינו; ווען מיר וואלטען צו די אלע אומגליקען כאטש נישט געהאט קיין אייגענע היימישע צרות צווישען דער יודישער מחנה — דיינו; און אויב מיר האלטען אויס די אלע צרות צוזאמען איז ווירקליך צו בעוואונדערען, און מיר בעטען

בארגען געלד ביי די מצרים — זיך בעסער פערזעהען מיט „צידה לדרך" וואלטען מיר נישט בעדארפט היינט צו עסען מצות, און ער מיין חבר, וואלט נישט געדארפט יעצט ליגען אויפ'ן פיעקיליק.

איך, פערשטעהענדיג, אז ער האט גרויס קנאה אויף מיין ווייך געלעגער און אז זיין „פילאזאפיע" איז אנ'אנצוהערעניש, דאס איך זאל איהם אריינבעטען אין מיין בעט, האב מיך געמאכט שלאפען, בכדי זיך צו פטר'ן פון א תשובה.

צומארגענס זענען מיר פריה אויפגעשטאנען, געדאוונט, געגעסען פריהשטיק און, נישט מאכענדיג זיך הערען דעם בעפעהל, וואס דער בעקער האט געגעבען אויפ'ן קול זיינע קינדער נאך נישט ארויסצונעמען דאס בעט פון דער בעקעריי, ווייל די „פרייערס" וועלען נאך דא מעהר ווי איין נאכט שלאפען — זיך געלאזט אין ד. „הויף". אויך די בעלי עגלות מיט זייערע פוהרען זענען געקומען צו דער בעשטימטער צייט און אלעס האט געווארט אויף דעם פערוואלטער.

דער פערוואלטער אבער האט זיך נישט געוויזען. געגען א בעלוינונג איז איינער פון זיינע משרתים געגאנגען איהם אויפזוכען. ערשט א זייגער 11 איז ער אנגעקומען, זיך פאר אונז ענטשולדיגט, וואס ער האט נישט געקאנט קומען צו דער צייט, ווייל ער האט א גאנצע נאכט פערברענגט אין א היימליכער געזעלשאפט, און אלס פערגיטיגונג נעמט ער זיך שוין צו דער ארבייט.

ער האט גלייך געעפענט די שפייכלערס, אריינגערופען צוויי פויערים און בעפוילען אבצוּוועגען די ווייצען. בכדי אבער די ארבייט זאל געהן שנעלער, האבען מיר אויף אונזער חשבון גענומען די בעלי-עגלות צו הילף צום פאקען און וועגען.

די ארבייט האט געדויערט עטליכע שעה. אויך מיר זעלבסט האבען אין דעם א לעבהאפטען אנטייל גענומען: אכטונג געגעבען ביי דער וואג, דערלאנגט די זעק א. א. וו. אינצווישען איז דער פערוואלטער געגאנגען מיטאג עסען, די בעלי-עגלות פאשען די פערד, מיר אבער האבען נישט פערלאזט דעם פלאץ, נישט קוקענדיג אויף דער פראסט און הונגער, וואס האבען אונז געמאטערט און אזוי אבגעשטאנען ביז א זייגער 5 אווענד. סך-הכל איז געווען 116 זעק ווייץ.

ווען דער ווייץ איז שוין געווען געוואויגען, האט אונז דער פערוואלטער אריינגעבעטען אין זיין גאבינעט, מכבד געווען מיט ווארימען טהעע, אויסגעפרעגט זיך, ווי אזוי מ'מאהלט יו"ט'דיג מעהל, וויפיעל קילא מצות עס קען זיין פון די 116 מעטער ווייץ, געפיהרט א דיסקוסיע וועגען בלוט צו מצות, דערמאנט וועגען ענין בייליס, ווידער געהייסען דעם משרת צוטראגען טהעע, און נאכדעם, ווי מיר האבען זיך שוין געהאט גוט דערווארימט פונ'ם קאכעדיגען טהעע און הייסער דיסקוסיע, האב איך געבעטען איבערצולאזען די דיסקוסיע אויף א צווייט מאל און זיך צו נעמען צום גופא ענין, ד. ה. ער זאל בעפעהלען זיינע משרתים צו לאדענען די ווייצען אויף די פוהרען.

(סוף קומט)

גלייכווערטלעך אויף פסח.

בעארבייט דורך יחיאל טשענסטאכאווער.

החדש הזה לכם

ווען ג-ט האט בעפוילען די יודען אין מצרים ברענגען פאר איהם דעם קרבן פסח, וואס עס איז געווען דאס ערשטע, וועלכעס יודען האבען מקריב-געווען פאר'ן רבש"ע—האט ער גלייכצייטיג געדענקט אין משה'ן און אהרנ'ען —די ערשטע רבנים און מנהיגים ביי יודען, פערזיכערענדיג זיי, אז „החדש הזה לכם"—דער חדש ניסן וועט זיין פאר זיי, ד. ה. פאר די רבנים, לדורות, דאס זיי זאלען פערדיענען ביים כשר'ן אויוועגס פאר מצות, הכשרים, שטר-מכירות א.א.וו.

וענית ואמרת לד' אלקיך

ווי לאנג דו ביזט געווען אנ'עושר און עס האט דיר נישט געפעהלט מכל טוב, האסטו אין רבש"ע נישט געדענקט; ווען אבער „וענית"—ביזט געווארען אנ'עני, אנ'ארימאן—דעמאלס „ואמרת לד' אלקיך"—ביזט געווארען פרום...

דער „חכם" און דער „רשע"

דער חכם פרעגט: מה העדות והחוקים והמשפטים?" און דער רשע—„מה העבודה הזאת לכם?"—פארוואס קומט דעם רשע „אויסצוהאקען" די צייהן, ער פרעגט דאך דאס זעלבע, וואס דער חכם?

דער תירוץ איז אזא: פון חכם פאדערט מען, אז ער זאל מקיים-זיין אלע מצוות—פרעגט ער זיך: מה העדות והחוקים והמשפטים—ווארום, כדי צו האלטען אזעלכע שווערע דינים, וויל ער וויסען דעם טעם דערפון. דאגעגען אבער דער רשע קומט-אריין אין א שטוב, וואו עס איז א געדעקטער טיש מכל טוב, מ'הייסט איהם מיטהאלטען דעם סדר. וואו עס קומט דערנאך פאר א גרויסע סעודה, פרעגט ער א קשיא: „מה העבודה הזאת לכם"?—וואס טויג אייך עפעס אבריכטען א סדר? ער וויל באדיי נישט געניסען פון דער סעודה, אום ער זאל נישט דארפען זאגען די הגדה—

אט דאס הייסט א רשע...

כי גרשו ממצרים

דער מסדר פרעגט: „מצה זו, שאנו אוכלים על שום מה?"—פארוואס קומט אונז שוין אזויפיעל יאהרען צו עסען די דארע איינגעזאלצענע מצה? ענטפערט איהם דער בעל-הגדה: „כי גרשו ממצרים"—ווייל נישט מיט גוטען ווילען זענען זיי ארויס פון דארט, נור פרעה מיט זיינע לייט האבען צוגעדריקט, געשטערט זייערע פרנסות, פערקנעכטעט צו די איבריגע איינוואוינער, זענען זיי דעריבער געווען געצוואונגען צו פערלאזען דאס לאנד.

אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב

מיר בעטען צו ג-ט, ער זאל צוריקשטעלען דאס בית-המקדש ווי אמשנעלסטען. אזוי אבער, ווי ביים רבונו-של-עולם איז א טאג טויזענד יאהר, קען דאך זיין אז גאר-שנעל זאל אויך דויערען עטליכע טויזענד יאהר, זאגען מיר באלד ווייטער: „במהרה במהרה בימינו בקרוב"—דעם „בקרוב", וואס מיר בעטען מיינען מיר נישט דעם רבונו-של-עולם'ס, נור „בימינו"—אונזערן טאג...

אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב

בעת דער יוד זעצט זיך צום סדר, איז ער שטארק בעגייסטערט און ער הויבט-אן: השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל—הייסט בין איך טאקי דא אין גלות, אבער אין א יאהר ארום וועל איך זיין אין ארץ ישראל, העלפען בויען דאס לאנד. ווען אבער ער איז שוין אנגעגעסען מיט כל טוב, אויסגעטרינקען די ארבע כוסות, מיעד און שלעפעריג, לאזט ער אויס: „אדיר! הוא יבנה ביתו בקרוב"—רבש"ע, בוי דו שוין אויף ארץ-ישראל, כ'פערלאז מיך שוין אויף דיר...

ואחרי כן יצאו ברכוש גדול...

נאכ'ן „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" זאגען מיר „והיא שעמדה לנו ולאבותינו"—אט דער דאזיגער רכוש גדול, וואס יודען האבען ארויסגעפיהרט פון מצרים איז בייגעשטאנען אונז און אונזערע עלטערן, אז מיר קענען זיך דערהאלטען אין גלות. ווארום, ווען יודען וואלטען דאס געלד נישט געהאט, וואלט מען זיי שוין לאנג ארויס געטריבען פון לאנד.

דבר נא באזני העם וישאלו...

ווי עס ווייזט-אויס זענען אין מצרים געווען א סך מוסרים, וועלכע האבען זיך געדרעהט ארום פרעה און זיינע משרתים. דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט: „דבר נא באזני העם—זאלסט יעדען בעזונדער זאגען אויפ'ן אויער, אזוי, אז אין ערגסטען פאל זאלען זיי נישט קענען האבען קיין עדות.

וישאלו — כלי כסף = וכלי = זהב ושמלות

בכדי אונמעגליך צו מאכען די יודען, אז זיי זאלען נישט צוריקגעהען נאך מצרים איז משה רבנו געפאלען אויף פאלגענדער המצאה: אז די פרויען זאלען זיך בארגען כלי-כסף וכלי-זהב (נישט געלד) ציהרונג און קליידער. דא איז ער געווען זיכער, אז אט דאס וועלען די פרויען שוין נישט וועלען צוריקגעבען...

ויקח משה את עצמות יוסף עמו

ווען די יודען זענען געגאנגען מקיים-זיין ג-ט'ס געבאט—וישאלו—און גענומען געלד און זילבער ביי די מצריים, האבען זיי משה רבנו מכבד-געווען מיט די עצמות-יוסף און עס האט זיך קיינער נישט מטריח געווען איהם צו העלפען. וויבאלד זיי האבען געזעהען אינ'ם מדבר, אז משה לעבט זיך כאחד הנגידים, האבען זיי געשטעלט א פראגע: פונוואנען האט דאס משה געלד? נישט אנדערש, נור ער לעבט אויף אונזער חשבון. .

צא ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו

די אסימילאטארען בעהויפטען, אז די שנאה צו יודען שטאמט דערפון, וואס מיר ווילען זיך נישט חבר'ן מיט די אומות-העולם, מיידען-אויס צו טרינקען מיט זיי וויין א. א. וו. אט דאס טאקי טענה'ט דער מסדר, ווען ר'נעמט דאס כוס אין דער האנד און זאגט: „והיא שעמדה לנו ולאבותינו"—אט דער כוס וויין, וואס מיר ווילען נישט טרינקען צוזאמען מיט זיי, שטערט דאס צוזאמענלעבען מיט די אומות-העולם. ענטפערט איהם באלד דערויף דער בעל-הגדה: שטעלט צוריק, יודעלעך דאס כוס, נישט דאס איז די סבה פון דער שנאה צו אונז, דען „צא ולמד: מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו"—יעקב האט דאך שוין יא צוזאמענגעלעבט מיט לבנ'ען, חתונה געהאט מיט זיינע טעכטער געגעסען און געטרינקען מיט איהם. וואס האט ער געוואלט פון יעקב'ן. אט זעהען מיר, אז נישט דער וויין איז שולדיג אין דער שנאה צו יודען, נאר גאר פשוט, אז עשו איז א שונא צו יעקב'ן...

לכפר על כל עונותינו, אז ס'זאל זיין אנ'אבקומעניש פאר אלע אונזערע זינד.

מצה זו

נעם דעם פינגער און ווייז אן אויף דער מצה, וועלכע ליגט פאר דיר און דערצעהל, וויפיעל פיין און ענוים, וויפיעל עלילת-דם ס'זענען פארגעקומען אט צוליעב דער דאזיגער אויסגעטריקענטער מצה.

מצה זו. אויך היינט ווערט ס'בלוט געזעצט אין פנים, ביז מען בעקומט דאס שטיקעל מצה פון „בית לחם" אדער „תומכי עניים".

מצה זו איז א זכר פון דער צייט, ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, וואו זיי האבען געארבייט בחומר ובלבנים. אויך היינט געהט מען אב מיט שווייס ביז מען באקט אב א מצה. דער אונטערשיד פון יציאת-מצרים ביז'ן היינטיגען אויסבאק איז, אז דאמאלס האבען יודען נאר געארבייט ביי די מצות און היינט זענען נישט-יודען אויך בעשעפטיגט ביים מצות-אויסבאק.

דערפאר אבער וועלען היינטיגען פסח יודען שוין יוצא זיין מיט'ן

מרור

וואס עס פעהלט זיי נישט א גאנץ יאהר און פסח מאכען זיי נאר דעריבער א ברכה. איך האלט אבער, אז מיר וואלטען באדיי אויפגעגעסען פסח צום סדר א גאנץ בינטעל מרור, נאר מיר זאלען דערפון פטור ווערען א גאנץ יאהר.

לפיכך

מען קאן צוזעצט ווערען שונאי-ישראל פאר עגמת נפש. נאך אזויפיעל פיין און לייד, וואס מיר האבען דארף מען נאך דאנקען און לויבען. א קלייניגקייט, וואס פארא גליק אונז האט בעטראפען.

און דאנקען הייסט מען אונז עטליכע מאל. ערשטענס, ווייל מיר זענען אויבערהויפט געבוירען געווארען אלס יודען. ווען חס ושלום מיר ווערען געבוירען אריער, וואלטען מיר נישט געהאט די וועלט און נישט יענע וועלט... צווייטענס, דארפען מיר לויבען און פרעהען זיך, וואס מיר זענען פוילישע יודען, ווארום טאמער חס ושלום וואלטען מיר געווען, למשל, פראנצויזישע, ענגלישע אדער אמעריקאנער יודען, וואלטען מיר דאך געווען אומגליקליך. איצט דארפען מיר, פוילישע יודען, ערשט רעכט דאנקען דערפאר, וואס מיר זענען געבוירען געווארען יודען — אי פוילישע יודען און ערשט אויף רעכט קבצנישע יודען.

זשאלעוועט זיך נישט יודען, זייט נישט פער'מרהשחורה'ט, לויבט, דאנקט, טאנצט פאר שמחה, מען הייסט אייך פרעהליך זיין, זאגט הלל.

שלחן עורך

איצט, רבותי, וועלען מיר א קוק טהון, וואס מיר האבען אויפ'ן טיש, ווארט נאר – מצה איז דא פון „תומכי-עניים", מרור פעהלט אוודאי נישט, זאלץ-וואסער איז אויך אנגעגרייט און חרוסת האט דער שכן אריינגעשיקט, טא האט איהר שוין דעם גאנצען שלחן-עורך. איי דאס פלייש מיט די קניידלעך איז נישט אזוי „געראטען", נו, נו, וועט מען זיך אהן דעם אויך בעגעהן. זאל מען זיך נעמען אין זינען אריין, אז בעת די יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבען זיי אויך נישט געהאט קיין פעטע קניידלעך און פונדעסטוועגען זענען זיי געווען יודען. טא עס שנעל אויף און מאך דעם אנשטעל, אז דו האסט געהאט א פיינעם, רייכען טיש, ווארום וואס וועט דען דיר העלפען, אויב דו וועסט זיך בעקלאגען, ס'וועט זיך דען עמיצער צוהערען צו דיינע רייד.

צפון

פערבייס מיט א שטיקעל אפיקומן און זאג דעם לשם-יחוד, אונזערע שונאים וועלען אזוי לאנג ווי זיי וועלען לעבען נישט וויסען דעם טעם פון אפיקומן.

שפוך חמתך

היי-יאהר קאנסטו יוצא זיין צו זאגען שפוך חמתך ביי א צוגעמאכטער

מהיר, ווארום אנדערש קאן מען דיך נאך אנקלאגען פאר בעליידיגען דאס פוילישע פאלק. זיי דעריבער פארזיכטיג, רעד גארנישט, פערבייס די ליפען און שווייג. אין זינען מעגסטו אבער יא האבען, אז ס'מעג שוין קומען א צייט, ווען די אלע שונאים, וועלכע ווילען אונז פערטיליגען, זאלען האבען א שווארצען סוף, אזוי אז ס'זאל פון זיי קיין זכר נישט בלייבען.

חסל

דאנק גאט, וואס דו ביזט איבערגעקומען דאס פעקיל. דו דארפסט נאר בעטען – כאשר זכינו, אויב מיר לעבען נאך ביי די איצטיגע בעדינגונגען, כן נזכה, זאל מען האפען, אז ס'וועלען קומען נאך בעסערע צייטען פאר אונז פוילישע יודען און אויך פאר'ן גאנצען כלל ישראל.

לשנה הבאה

טראכט דעם וואס אין ארץ ישראל איז אומרוהיג און ס'פאלען פון אראבישען טעראר א סך יודישע קרבנות, שרעקט עס אונז אבער פארט נישט אב און טויזענדער ווינשען זיך, אז איבער א יאהר זאלען זיי אויך דארט זיין און העלפען בויען א היים פאר'ן יודישען פאלק.

דאס מאכט אבער נישט, אז טאמער ביזטו א טעריטאריאליסט, אז דו זאלסט אין זינען האבען ביים לשנה הבאה מאדאגאסקאר. עקוואדאר אדער אנ'אנדערע יודישע טעריטאריע.

אחד מי יודע

מען האט געמיינט, אז טאמער וועלען פאלען די אבסאלוטע זעלבסט-הערשער, וועט דאס פאלק רעגירען איבער זיינע אייגענע אינטערעסען; קומען אבער צו געהן די פאשיסטען און פיהרען צוריק איין דעם סיסטעם פון א פיהרער, אז דער דיקטאטאר זאל זיין איינער, וואס זאל זיין דער געהרטער און בעפעהלער.

שנים מי יודע

ווער ווייסט דען דאס נישט, או אין דעם וואס מען האט נישט בעשטעטיגט די פרעזעס-וואהלען צו דער קהלה-פערוואלטונג, זענען שולדיג צוויי דאזארעס.

שלשה מי יודע

ווער ווייסט, צי מען וועט נישט ח"ו דארפען וועהלען א דריט מאל.

ארבע מי יודע

ווער האט זיך געקאנט ריכטען, אז דער צווייטער קאנדידאט אויף קהלה-פרעזעס, וועט בעקומען אזש פיער שטימען. מילא, די ערשטע דריי וועלכע האבען געשטימט איז נאך פערשטענדליך. נאר אז אויך דער פיערטער, דער פארשטעהער פון דער סאציאליסטיש-רעוואלוציאנערער פארטיי וועט שטימען פאר א רעאקציאנער, דערויף האט זיך קיינער נישט געריכט.

חמשה מי יודע

פינף טאג אין דער וואך האבען אונזערע סוחרים די מעגליכקייט צו האנדלען און טאמער מאכט זיך נאך א שטיקעל יומא דפגרא, האנדלען זיי פינף טעג אויך נישט.

ששה מי יודע

זעקס ארגאניזאציעס האבען זיך אונטערגענומען צו בעזארגען די ארימע יודען אויף פסח און צום סוף זענען זיי געבליבען נישט פערזארגט.

שבעה מי יודע

העכער 7 חדשים, זייט ס'זענען פארגעקומען וואהלען צו דער קהלה און ביז איצט קאנען נאך די נייע דאזארעס נישט צוקומען צום פסוק.

שמונה מי יודע

אכט טאג פסח מוזען יודען האלטען, קאנט איהר זיך פארשטעלען מיט וויפיעל געלד דאס איז פערבינדען.

תשעה מי יודע

כ'האב שוין נישט מעהר וואס צו טהון, נאר זיך אוועקזעצען און טראכטען, ווי אזוי מען טייטשט אויס אויף תשעה מי יודע אדער עשרה מי יודע אזוי. ס'שאדט נישט, איך ערלויב די לעזער, אז זיי אליין זאלען אויך עפעס צוטראכטען לויט זייער אייגענעם ווילען און פערלאנג.

חד גדיא

מיט'ן איינפיהרען די שחיטה-גזירה, האט מען נישט געמיינט חס ושלום קיין הומאניטארע מאטיווען, נאר ס'איז געגאנגען צוליעב'ן חד גדיא דזבין אבא, כדי ארויסצונעמען דעם פלייש-האנדעל פון'ן יודישע הענד. ואתא שונרא—האט מען אזוי ווי די קאץ, נאר אין זינען געהאט דערביי אבצולעקען א ביינדעל. ואתא כלבא, האבען די אנטיסעמיטישע צייטונגען אנגעהויבען צו בילען אויף יודען, ואתא חוטרא און מען האט בענוצט דעם שטעקען אויף יודישע קעפ, ואתא נורא, מען ווארפט אונטער באמבעס אונטער יודישע געשעפטען און הייזער, ואתא מיא און די צייטונגען האבען געשפריצט מיט וואסערדיגע ארטיקלען געגען יודען. ואתא תורא—מען האט גענומען דעם אקס אין שוץ. עס איז כלומר'שט א רחמנות אויף די בהמות און פאקטיש, האט מען געמיינט דעם שוחט. מקפח צו זיין די פרנסה, ואתא מלאך המות. און הונדערטער קצבים זענען געווארען טויט. צום סוף וועט אבער זיין ואתא הקדוש ברוך הוא. גאט זאל זיין אין אונזער הילף.

הע ר' יוד, שלאף נישט איין, נאר נישט פערצווייפעלט, אמת, מיר געפונען זיך אין א גרויסער סכנה, אבער נישט געזארגט—עם ישראל חי—דאס יודישע פאלק האט אדורכגעלעבט א סך צרות, וועט עס די יעצטיגע צרות אויך אדורכלעבען. דעריבער, וואך, דרימעל נישט, זינג הויך אויפ'ן קול. מיט א שעהנע שטימע פול מיט הארץ און בטחון דעם אלטען

שיר השירים

ווייל נאר מיר יודען זענען די אמת'ע זינגער און שפילער. און בעל-כרחך וועלען די פעלקער אונז מוזען אנערקענען אלס א גרויס און טאלאנטפול פאלק, און נישט נאר אויפ'ן געביט פון קונסט, ווי דאס איז געווען ביים שאפען-קאנקורס, נאר אויך אויף אלע געביטען פון לעבען. מעמקים, פון די טיפסטע טיפענישען זינגען מיר און מיר זאגען אלע אונזערע שונאים און פייניגער: ישקני...

לויתן

FABRYKA WYROBÓW LNIANYCH

„LEWLEN"

Tkalnia — Bielarnia — Apretura

Częstochowa, ul. Przechodnia 11/15.

Telefony: 15-00 i 24-81.

Płótna lniane, ręcznikowe, obrusowe, prześcieradłowe, szare, bielone i kremowe. | Płótna sztywne krawieckie: lniane i jutowe. | Taśmy lniane konopne i jutowe.

Tkaniny lniane dla celów przemysłowych.

Bank Spółdzielczy Przemysłowców i Kupców

z ograniczoną odpowiedzialnością

w Częstochowie, Aleja 22.

Gmach własny.

Telefon 24-30.

Załatwia wszelkie czynności w zakres bankowości wchodzące.

Przyjmuje wkłady zwykłe i premjowe poczynając od 1 złotego.

M. Kopiński

Ogrodowa № 5.

mieszkanie: Al. Kościuszki 1/5.

Telefon 22-65.

Hurtowa i detaliczna sprzedaż wyrobów fabr. „La Czenstochovienne" oraz odpadków szkła taflowego.

L. FRIDRICH

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 2. TELEFON 24-03

P. K. O. 68.123.

Hurtowa sprzedaż wyrobów fabryki „La Czenstochovienne" manufaktury, bawełny i wszelkich wyrobów jutowych.

Pracownia Ubiorów Męskich

Szaja GRANEK

CZĘSTOCHOWA ALEJA 20

עמפפעהלט זיך דער געעהרטער קונדשאפט צום זומער-סעזאָן.

סאָלידע און רעעלע בעהאנדלונג.

געדענקט די אַדרעס: **ש. גראַנעק, אַלעע 20.**

Wyroby metalowe i okucia galalitowe

„POLMETAL"

N. EDELIST i Sz. JELEŃ

CZĘSTOCHOWA,

Jaskrowska 21-23. Tel. 12-35

SKŁAD MATERJAŁÓW APTECZNYCH

B-CIA PRASZKIEWICZ

CZĘSTOCHOWA

Stary Rynek 21. — Telefon 15-58.

צום זומער-סעזאָן | א גרויסער אויסוואהל

אלעראַרט ווייסוואַרען

צו בעקומען אויסשליסליך אין דער פירמא

L. Fürstenberg, Nowy Rynek № 3.

ס'ווערט אויך עמפּפעהלט אין אַ גרויסען אויסוואַהל דאַמען-וואָל.

גאַרדינען און ויידענשטאָפען צו פאַבריקס-פרייזען.

הורט | דעטייל

MAGAZYN GALANTERYJNY

Wielki wybór bielizny męskiej i damskiej, krawaty oraz nowości sezonowe poleca

S. REICHMAN

Częstochowa

I-a Aleja 3. Telefon 17.82.

Ceny przystępne.

Fabryka okuć budowlanych

Horowicz i S-ka

ul. Krótka 25-27.
Telefon 11-93.

Częstochowa.

Fabryka Narzędzi Przemysłowych

B-cia Landau, Częstochowa

Krótka 12. Telefon 18-91.

Produkuje:

maszynki do mięsa, wyżymaczki i łyżwy

Skład owoców krajowych i południowych

D. WŁODOWSKI

Częstochowa, Nowy Rynek 15. Tel. 17-25.

אכטונג! **אכטונג!**

די ביליגסטע הורט און דעטייל איינקויפס-קוועלע

פאַר טשענסטאכאָוו און דער פּראָווינץ

פון פּאַקאַסט, פאַרבען און לאַקירען

פון ערשטקלאַסיגע פירמעס

שעלאַק, בראָנז, פּענזעל, צעמענט, גיפּס אזוו

איז נאר אין דער פירמע, וועלכע עקזיסטירט פון 1900 י.

B. HOFFMAN, CZĘSTOCHOWA

Stary Rynek 31. Telefon 21-31.

Aleja 2. Telefon 14-27.

Lewkowicz i Bergman

Częstochowa, Sobieskiego 30.

Telefon 13-95.

PRODUKTY SMOŁOWCOWE

NAFTALINA PAPA DACHOWA

Częstoch. fabryka

knotów

do lamp naftowych

B. Sachsenhaus i I. Goldstein

w Częstochowie,

II Aleja 35.

Rok założenia 1911.

WIENER, NIEMIROWSKI i BAUM

Częstochowa, Aleja 32. — Tel. 13-09.

SKŁAD ODLEWÓW ŻELAZNYCH, SUROWYCH i EMALJOWANYCH

jakoto: płyty i ruszta kuchenne, szybry, fajerki, buksy, piecyki, kuchenki, drzwiczki kuchenne i hermetyczne, kociołki do wody, rury i części zlewowe, włazy, miski zlewowe i klozetowe, syfony, podstawy do pieców kąpielowych, garnki surowe i emal. odlew sieczkarniany i pługowy, jakoteż wszelkiego rodzaju inne odlewy.

Żelazka do prasowania oraz wszelkie przybory klozetowe i kąpielowe

---

Fabryka wyrobów metalowych

„METROS" sp. akc.

dawniej M. Rosenstein

CZĘSTOCHOWA, BERKA JOSELEWICZA 3.

Telefon 15-50.

Dom Przemysłowo-Handlowy

Jakób H. FAJERMAN

Częstochowa, Narutowicza 19-23.

Telefon 13-44.

מרדכי קויפמאן.

מיניאַטורען.

וואַיטשעך טאָמאַלאַ ווערט אויס סוחר...

די געשיכטע פון וואַיטשעך טאָמאַלאַ'ן האָט צוויי פאַזען.

די ערשטע איז, ווען און ווי אַזוי ער איז געוואָרען אַ סוחר און די צווייטע — ווי אַזוי ער איז צוריק געוואָרען אויס.

געשעהן איז דאס אין פּראשקא, אין „יענע" בהלה-טעג פון פּושיטיק'ס און אַדזיוואָל'ס, ווען ס'האט זיך „זיי" אויסגעדוכט, אַז אַט-אַט בעהערשען זיי שיעור נישט „גאַנץ פּוילען, די גאַנצע וועלט און אַלע ווערען זיך לאָזען מיטרייסען מיט'ן העסליכען, זאָלאָאגישען אַנטיסעמיטיזם.

געוועזען דאַן אַ זעהר גוטע קאָניונקטור, מ'האט זעהר לייכט געקענט איבערצייגען די נאַאיווע פּויערים, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען אין שטאָדט אריין פערכאַפּען די יודישע קראָמען און דעם יודישען סטראַגאַן. „זיי" האבען טאַקי די קאָניונקטור אויסגענוצט און ענטוויקעלט איבער אַלע שטעדט, דערפער און ישובים אַ ברייט-פערצווייגטע אַנטיסעמיטישע העץ-פּראַפּאַגאַנדע לויט'ן מוסטער פון מערב-שכן, אין וועלכער ס'איז „אויפגעקלערט" געוואָרען, אַז יודען זענען דאס גרעסטע אומגליק פון פּוילען און פון דער גאַנצער וועלט, אַז יודען האבען אַלץ פערכאַפּט, אַז יודען... אַז... אַז... און איצט איז געקומען די שעה, ווען איהר פּוילישע פּויערים דאַרפט דאס אַלץ אַרויסנעמען פון די יודישע הענד און אַליין זיך נעמען צום האַנדעל. מיר וועלען אייך אין דעם אַלעם צוהעלפען.

ס'האט די פּויערים אָנגעהויבען שווינדלען פאר די אויגען. אַזאַ געשיכטע — או-וואַ, או-וואַ! מ'האָט די פראַגע פון איבערנעמען דעם יודישען האַנדעל אָנגעהויבען דיסקוטירען בעת'ן מיטאָג און וויעטשערע; מ'האט זיך איבער דעם געקריגט און געדינגען, אָבער אַזוי לייכט האבען עס די פּויערים פאַרט נישט געקענט פערדייען: וואָס הייסט עפּיס מיט איינמאָל איבערנעמען דעם יודישען האַנדעל און איבערנאַכט ווערען סוחרים? די זיידעס און עלטער-זיידעס לעבען שוין הונדערטער יאָהרען אויף דער מאַמע-ערד און ציהען פון איהר חיונה און דאָ גאָר מיט איינמאָל אַזאַ איבערקעהרעניש?

דער גרעסטער טייל פּויערים האט געצווייפעלט און געקוקט מיט חשד אויף די אַגיטאַטאָרען, אַ טייל אָבער האָט זיך געלאָזט מיטרייסען און געטראַכט בייז זיך: מ'דאַרף פּרובירען.

וואַיטשעך טאָמאַלאַ האט געהערט צו די, וועלכע האבען פּרובירט. ער האט זיך „אויסגעקליבען" צו ווערען אַ „קופּיעץ" פון פערטיגע מלבושים און צו פאָהרען אויף מערק.

זיינע פאַר מאָרגעס פעלד איז איהם נישט שווער אָנגעקומען צו פערקויפען. געוועזען דאָרט אין דאָרף אַזעלכע, וואָס האבען נאר דערויף אויסגעקוקט און געוואַרט. ביים אַדורכפיהרען אַלע פאָרמאַליטעטען האבען איהם אויך געהאָלפען „גוטע פריינד", נאר איין זאַך האָבען זיי איהם נישט געקענט העלפען: ווי אַזוי, ביי וועמען, און וואו מען קויפט איין ביליגע סחורות, כדי צו זיין קאָנקורענץ-פעהיג געגען די יודען.

ער האט געמיינט, אַז די „פריינד" וועלען איהם העלפען איינקויפען, געבען אָנווייזונגען ווי אַזוי צו קענען קאָנקורירען מיט די יודען, וועלכע פערקויפען ביליג זייערע סחורות. און פונוואַנען זאָל ער דאס וויסען? פערשטאַנען האט ער אָבער יאָ, אַז ס'איז נישט גענוג צו קויפען פערטיגע הויזען-וועסט און אַרויסצושטעלען זיך מיט דעם אויפ'ן מאָרק. ווער וועט דאָס קויפען ביי דער גאַנז האָבער? מען מוז אויסקאָמבינירען און אויסגעפונען די ביליגסטע קוועלע פון רויה-מאַטעריאַל, פון שניידער-צודאַטען, פון ביליגען אַרבייטס-לוין — ווייל יעדער גראָשען שפּילט דאָ אַ ראָל — און ערשט דאַן זיך אַרויסלאָזען האַנדלען.

דאס איז געוועזען זיין ערשטע ענטוישונג.

פערפאלען — האט ער ביי זיך געטראַכט — אַז איך האב אָנגעהויבען מוז איך שוין ווייטער געהן. מען מוז זיך אַליין קענען העלפען.

ער האט אָנגעהויבען פאָרשען, נישטערן, אויספרעגען זיך, ס'איז אָבער אַלץ נישט געגאַנגען גלאַטיג. ער, דער אייביג-געדולדיגער, דער שטענדיג-רוהיגער פּויער, האט אָנגעהויבען ווערען אונרוהיג, נערוועאיש. אום סוף האט ער זיך געזעהן געצוואונגען איינצוקויפען אַ פערטיגע קראָם סחורה ביי אַ יוד, וועמען ער האט דערצעהלט זיינע איבערלעגונגען אויף דעם געביעט.

זיין ערשטער אַרויספאָהר איז געוועזען אויפ'ן פּראָשקער מאָרק.

די ענדעקישע גדולים מיט זייערע נאָכשלעפּער האבען איהם מיט מוזיק בעגלייט צום מאָרק און ווען ער האט אויסגעפּאַקט זיין קראָם, האט איינער געהאַלטען אַ פלאַם-פייערדיגע געלעגענהייטס-רעדע, אין וועלכער ער האט גערעדט וועגען דעם גרויסען „היסטאָרישען געשעהעניש" פונ'ם דאָזיגען טאָג און וועגען דער „הייליגער מיסיע" פון וואַיטשעך טאָמאַלאַ'ן, וועלכער האט זיך ענדליך אַרויסגעריסען פון דאָרף אין שטאָדט אַריין איבערנעמען דעם זשידאָווסקי האַנדעל. פון היינט אָן — האט דער רעדנער זיך געוואָנדען צום פערזאַמעלטען המון קריסטען—וועט איהר שוין נישט דאַרפען אָנקומען צום יוד, וועלכער זויגט אייער בלוט, נאָר איהר וועט קענען קויפען ביי וואַיטשעך טאָמאַלאַ'ן „ריינע" „קריסטליכע" סחורה.....

דער עולם האט די דרשה אויסגעהערט און זיך געגאַנגען יעדער זיין וועג.

ס'איז פערביי אַ שעה, צוויי, דריי— און גאָרנישט. די פאָר געדינגענע ענדעקעס האבען געשלעפּט קונים ביי די פאַלעס—ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען. ס'האט קיינער נישט געוואָלט ביי איהם קויפען. עפּיס איז די קראָם קיין קראָם נישט און דער סטראַגאַן—קיין סטראַגאַן נישט. וואס טהוט זיך דאָ עפּיס? שווער צו פערשטעהן די גאַנצע זאַך.

טאָמאַלאַ האט געהויבען מיט די פּלייצעס: פערפאלען, אפשר איז עס נאָר בלויז דאס ערשטע מאָל, מ'דאַרף די קונים אַריינציהען, צוגעוואוינען.

די אנדערע וואָך, צום צווייטען מאָרק-טאָג, האבען די ענדעקעס שוין קיינעם נישט געשלעפּט ביי די פּאָלעס. זיי זענען געשטאַנען פונדערוויי־טענס און זיך צוגעקוקט צום ספּעקטאַקעל, ווי אַזוי ס'וועט היינט אויסזעהן. אָבער אויך היינט איז געגאַנגען שלעכט, ער האט זעהר ווייניג געלייזט. עפּיס האט ער נישט געקענט אַזוי איבערצייגען דעם קונה, רעדען צו איהם, מעסטען א.ז.וו.—ווי זיין שכן, דער יוד, טהוט דאָס. וויפיעל ער האט זיך נישט בעמיהט נאָכצוטהון דעם יוד, איז עס איהם אַלץ נישט געלונגען. ס'איז אַרויסגעקומען בלאָס, קאָמיש, קאַריקאַטורעל.

די דריטע וואָך איז שוין די ענדעקישע „לייב-גוואַרדיע" אינגאַנצען נישט אַרויסגעקומען צום מאָרק-טאָג זעהען ווי ס'געהט איהם. זיי האבען איהם איבערגעלאָזען אויף גאָט'ס בעראָט. ווער ווייסט, אפשר האבען זיי מורא געהאט זיך צו ווייזען פאָר זיינע אויגען, ער זאָל נישט נקמה נעמען פאר די אָבגענאַרטע הבטחות און האָפנונגען —ווער קען וויסען?

לאַנג האט זיך אונזער וואַיטשעך טאָמאַלאַ נישט אָבגעמוטשעט מיט זיין קראָם. אין אַ גאָר קורצער צייט האט ער בעוויזען אַלץ אויפצועסען און ס'איז איהם נאָר פערבליבען אַביסעל געלד אויף צו קויפען אַביסעל-שיך-פאַסטע צום פוצען, אַביסעל שנוראָוואַדלעס, אַביסעל ספּינקעס מיט קעמלעך. דאס אַלץ אַריינגעלייגט אין אַ שופלאָד, וועלכעס ער האט אָנגעהאָנגען איבער'ן האַלז און דערמיט זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן גאַס האַנדלען.

היינט קענט איהר איהם טרעפען אין פּראָשקא איבעראַל שרייען מיט זיין ספּעציפישען לשון: טשאַרנאַ, ביאַלאַ, זשולטאַ, בראָנזאָוואַ! ספּינעי—דוואַ זאַ פּיענטש, טשטערי זאַ דזיעשענטש!...

דאס—זאגט ער—איז נישט אזוי קאָמפּליצירט, ווי אַ קראָם מיט פערטיגע מלבושים.

פאַר'ן יודישען בוך — פאַר'ן יודישען שרייבער.

דער וואַרשאַווער יודישער פען-קלוב האט אַרגאַניזירט אַ פּראָפּאַגאַנדע-אַקציע פאַר'ן יודישען בוך. אַלע גריבלען זיך איבער די סיבות, וואס האבען גורם געווען צום קריזיס פון יודישען בוך, וואָס פערשווינדט לעצטענס אינגאַנצען פון דער יודישער שטוב. אייניגע ווילען האבען, אַז דער ביכער-קריזיס איז אַן אַלגעמיינע ערשיינונג און נישט קיין ספּעציפיש-יודישע. די גורמים זאָלען זיין: טעאַטער, פילם, ראַדיאָ, טאָג-פּרעסע. אַזוי צ. ב. זאָל אויך דאס פּוילישע בוך האבען געפאַלען פון 8000 אויף 1500 עגזעמפּלאַרען און — צרות רבים חצי נחמה.

דאָס איז אָבער פאר אונז קיין טרייסט נישט. בכלל, אַז מען וויל זיך שוין יאָ טיעפער גריבלען, קומט מען צו דער מסקנה, אַז ביי אונז איז דאס שוין דוקא יאָ אַ ספּעציפישער ענין. אין דער צייט, ווען דער הויפּט-קאָנסומענט פון פּוילישען בוך איז די שול-יוגענד, בירגערליכע אינטעליגענץ און אויך אַ געוויסער פּראָצענט פון קליין-בירגערליכען קלאַס — איז עס ביי אונז יודען פונקט אַ פערקעהרטע ערשיינונג. פאַר די אַלע אויבען-אויסגערעכענטע האט דאס יודישע בוך קיין דריסת-הרגל נישט.

וויפיעל מיר האבען שוין נישט געפּרובט אויפקלערען, שטראָפען אונזער כלומרש'ט יודישע אינטעליגענץ פאַר זייער שמענדריקיזם — איז מען אַלץ געבליבען שטעהן אויף אַ טויטען פונקט. וויפיעל מען האט נישט געפּרובט אויפקלערען די עלטערן און די יודישע שול-יוגענד גופא, אַז ס'איז ווייניג צו געהן אין אַ יודישער גימנאַזיע, אָדער צו שרייען, אַז מען איז נאַציאָנאַל געשטימט, אום ווירקליך צו זיין אַ יוד אין פולען זין פון וואָרט אין היינטצייטיגען גייסט. — האט דאס אַלץ נישט געהאָלפען און דאס יודישע בוך איז פאר אָט די כלומרש'ט נאַציאָנאַלע שול-יוגענד נאָך אַלץ טריפה ווי חזיר. אָט דאס טאַקי איז דאס ספּעציפישע ביי אונז, דאס איז אונזער גרעסטע טראַגעדיע, וואס אָט די יוגענד אָדער ווי אַנדערע פעלקער בעצייכענען זיי: דער שטאָלץ און די בלום פון יעדען פאָלק — איז פאר'ן יודישען געדרוקטען וואָרט פרעמד, ווייט, נישט צוטריטליך.

אַמאָל אין די אַלטע צייטען, ווען קיין היטלעריזם און ראַסיזם איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, האט מען זיך געחקרנ'ט וועגען אַסימילאַציע-פּראָבלעמען, אָבער דאַן איז די אַסימילאַציע בלויז געווען אַנ'אידעאישע. היינט, אין די „גוטע" צייטען, איז די אַסימילאַציע אַלס אידעע פערשוואונדען, צורינען, זי עגזיסטירט נישט מעהר אַלס אַזעלכע, זי איז אָבער געבליבען אַ פּאַקטישע, זי ליגט אין בלוט און מאַרך פון יעדען יודישען פּסעוודאָ-אינטעליגענט.

שטיצען זיך ווידער אויפ'ן יודישען קליינבירגערטום, איז אויך נישטאָ, ליידער, אויף וועמען. דאָס איז אַ צוקראָכענער עלעמענט, וואס אַ חוץ די רעליגיעזע בעדערפענישען איז פאר זיי אַ סענסאַציע-בלעטיל פולשטענדיג גענוג אויף צו בעפרידיגען זייערע „גייסטיגע" בעדערפענישען. דער טאָג-טעגליכער שווערער קאַמף פאַר'ן דאַ-זיין האט אויך עפּיס צו זאָגען. בלייבט נאָר איבער דער יודישער אָרגאַניזירטער אַרבייטער, די בעוואוסטזיניגע פאָלקסמאַסען, וואס זענען אייביג געווען און וועלען ווייטער בלייבען די טרעגער פון יודישען בוך, פון דער יודישער ליטעראַטור און פון אַלע קולטור-צווייגען.

צו אייך, יודישע האַרעפּאַשניקעס, איז געוואָנדען דער אַפּעל פון פען-קלוב. איהר אַלע, וועלכע קוויקט זיך מיט'ן יודישען וואָרט און האט אַ הנאה פון אַ גוט יודיש בוך, וועט ווייטער אויף אייערע פּלייצעס שטאָלץ אויסטראָגען דאָס יודישע בוך. איהר וועט זיך דערמיט נישט שעהמען. הלואי וואָלט איהר זיך נאָר אַזוי געקאָנט ערלויבען, ווי דאס וואָלט געווען אַ ציהרונג אין אייער שטוב.

וואַרט נישט ביז טשענסטאָכאָווער טהוער וועלן אייך דערצו בעוועגען. איהר וואָלט צו לאַנג געדאַרפט וואַרטען... יעדער איינער דאַרף אינדיווידועל זיך פּעראינטערעסירען מיט די נייע אויסגאַבען. לעצטענס זענען אַ סך גוטע זאַכען געשאַפען געוואָרען פון אַ קינסטלערישען ווערט. מיט אייער איינקויפען דאָס יודישע בוך, וועט איהר אָנרעגען דעם יודישען שרייבער צו ווייטערדיגער שעפערישער אַרבייט און דערמיט בערייכערן די יודישע ליטעראַטור.

איהר וועט דאס פערשטעהן און זיכער טהון.

מיט אַ בעזוך אין נייעם בנין פון יודישען גימנאַזיום

דער בוי-קאָמיטעט פון נייעם אייגענעם בנין פון די היגע יודישע געז. גימנאַזיעס, האט אויף זונטאג 12 פאַרמיטאג גערופען אַ פּרעסע-קאָנפערענץ מיט'ן צוועק צו בעקענען די היגע פּרעסע, ווי ווייט ס'זענען שוין אַוועק די אַרבייטען אַרום דעם נייעם בנין.

פּונקטליך צום טערמין האט אונז עמפּפאַנגען דער קאָמיטעט אין די פערזאָנען פון די ה"ה: דיר. פון יוד. גימנאַזיום ד"ר אַניספעלד, שפּיראָ, דיר. פּושיטוסקער, הענריק שפּאַלטען, י. שלעזינגער, וו. איצעק און קראַק, וועלכע האבען אונז אַרומגעפיהרט איבער'ן גאַנצען שטח פון דעם גראַנדיעזען בנין.

ד"ר אַניספעלד און שפּיראָ גיבען די געהעריגע אויפקלערונגען, פון וועלכע ס'איז צו זעהען, אַז דער אַלגעמיינער שטח, אויף וועלכען ס'וועט זיך געפונען דער יודישער פּלאַץ, פערנעמט אַנ'ערך 5000 קוו. מעטער. גלייך ווי מען קומט אַריין אויפ'ן הויף ביז צום בנין וועט זיין אַ גאָרטען-אַלעע מיט בוימער און בענק, וואו די שילער וועלען קענען אין דער פרייער צייט אָברוהען און געניסען פון דער פרישער לופט. פון דער אַלעע פיהרט אונז צום ספּאָרט-פּלאַץ, וועלכער איז אויך ברייט און גרויס און דאָרט וועלען פאַרקומען איבונגען און פערשידענע ספּאָרט-שפּילען.

פון ספּאָרט-פּלאַץ פיהרט מען אונז צום הויפּט-איינגאַנג. קודם-כל שטעלט מען פעסט, אַז דער פראָנט איז געשטעלט פון דרום און מזרח, וואס וועט דער גאַנצער געביידע געבען אַ סך זון און גאַנצע סנאָפּעס ליכט. פון דאָרט קלעטערען מיר איבער'ן ערשטען שטאָק, וואו ס'וועט זיך געפונען דער וואַרשטאַט פאַר מענער און פרויען. דאָרט וועט אויך זיין די קאַטלאָווניע פאַר צענטראַל-בעהייצונג און אַ וואוינונג פאַר'ן הויז-וועכטער.

מיר קלעטערען ווייטער איבער'ן צווייטען און דריטען שטאָק, וואו מיר בעקענען זיך מיט יעדען פּרט, וואָס וועט דאָרט זיין. וואָס אַלץ דאָרט וועט נישט זיין? אַ ספּעציעלער באָד-זאָל מיט קאַלטע און וואַרימע נאַטריסקען. אַ ספּעציעלער אַריינגאַנג פאַר קינדער, וואָס פיהרט גלייך פון דער גאַרדעראָבע און צוריק. אַ ספּעציעלער בלומען-זאָל, ווי אויך סאַלעס פאַר נאַטור-וויסענשאַפט, כעמיע און פיזיקאַלישער גאַבינעט. אַ ספּעציעלען פליגעל פערנעמט דער גימנאַסטישער זאָל, וואו אַלץ איז איינגעאָרדענט בעזונדער פאַר מענער און פרויען. אינ'ם דאָזיגען פליגעל וועט אויך זיין דער טעאַטער-זאָל, וואָס איז נישט קלענער פאַר'ן פייערלעשער-זאָל, מיט אַ ספּעציעלער גאַלעריע. פון איין זייט געהט אַרויס אויפ'ן הויף פון ספּאָרט-פּלאַץ אַ גרויסער באַלקאָן, פון וועלכען ס'וועלען קענען געהאַלטען ווערען רעדעס צו אַלע שילער און שילערינס. די סופיטען זענען געמאַכט פון פייער-זיכערע בעלקעס, אַלץ אַרום איז פון בעטאָן, איבעראַל צו צוויי אַרויסגענג, אומעטום גאַרדעראָבעס, אַ שפּייזע-זאַל, אַ קוך, צענטראַל-בעהייצונג, גרויסע, ברייטע פענסטער — בקיצור: דאס לעצטע וואָרט פון אַרכיטעקטור און בוי-קונסט.

אין אַלגעמיין וועלען זיך אין דער געביידע געפונען 40 שטובען. פון דעם וועלען זיין רעזערווירט 18 קלאַסען: 6 פאַר דער פאָלקס-שול און 12 פאַר'ן גימנאַזיום און ליצעאום. דאָס איבריגע וועט זיין פערנומען אויף די ווירטשאַפטס-...

טען, לאַבאָראַטאָריעס און די שוין אויבען-אויסגערעכענטע איינריכטונגען.

דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָמיסיע, ה' שפּיראָ, רעדט אַרום די פראַגע וואָסערע מאַטעריעלע שוועריגקייטען דער קאָמיטעט האט געהאט ביז ער איז צוגעקומען צו דעם מצב, אַז די אויסערליכע זייט פון בנין זאָל ביז היינט שוין זיין אויסגעפערטיגט. דאס האט שוין פערשלונגען אַ זעהר גרויסע סומע, אָבער ס'וואָלט נאָך פיעל מעהר געוועזען אָבגעקאָסט, ווען נישט די פאַכמענישקייט און שפּאָרזאַמקייט פון דער בוי-קאָמיסיע, ספּעציעל אַ דאַנק דעם ה' הענריק שפּאַלטען, וועלכער איז אַ גרויסער פאַכמאַן אויף דעם געביעט און האט זעהר פיעל געלייסטעט. ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז דאס ביז-איצט געטהוענע איז דערגרייכט געוואָרען דורך די פרייוויליגע נדבות, אין געלד און מאַטעריאַלען פון פערשידענע פערזאָנען און פירמעס, זאָגאַר אויך פיעל קריסטליכע ווי: „האַנטקע", „הוטאַ פּאָקוי" א. אַנד. — קומט מען צום אויספיהר, אַז דער קאָמיטעט האט געמאַכט די ריזיגסטע אָנשטרענגונגען, נישט אָבשטעלענדיג זיך פאַר קיין שום שוועריגקייטען.

ה' נייפעלד זאגט, אַז דער פאָריגער דור האט אונז איבערגעלאָזט אַ יודיש שפּיטאָל, יתומים-הויז, פערשידענע אַנדערע נוצליכע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע מיר פערוואַלטען איצט. דער איצטיגער דור האט אָבער גאָרנישט געשאַפען, גאָרנישט געטהון. און אויב מיר זענען איצט צוגעטרעטען בויען אַנ'אייגענעם בנין פאַר'ן יודישען גימנאַזיום, אין וועלכען ס'וועט זיך אויך געפונען אַ פראָפ. האַנדעלס-שול, דאַרף די גאַנצע יודישע געזעלשאַפט אונז מיטהעלפען דאס צו טהון.

דער פאָרזיצער פון דער בוי-קאָמיסיע, ה' הענריק שפּאַלטען זאגט, אַז שוין פון היינט אָן טרעט מען צו צו די אינערליכע איינריכטונגען פון בנין, ווי: מאכען די צענטראַל-בעהייצונג, וואַסער לייטונג און די גאַנצע אויסשטאַטונג, אַזוי אַז ביז'ן 1-טען סעפּטעמבער ד. י., ד. ה. ביז'ן נייעם שול-יאהר זאָל די געביידע זיין אינגאַנצען פערטיג צום בענוצען. דאס פאָדערט אָבער גרויסע סומען און קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען. מיר וועלען זיך אָבער פאַר גאָרנישט אָבשטעלען אונזער ציעל צו דערגרייכען. מיר אַפּעלירען דעריבער— דורך דער פערמיטלונג פון דער פּרעסע—צו דער גאַנצער היגער יודישער געזעלשאַפט, אַז יעדער איינער זאָל אונז מיטהעלפען מיט וואס ער קען נאָר.

ד"ר אַניספעלד מאכט נאָך אייניגע בעמערקונגען און מיט נאָכאַמאָל אַרומקוקען דעם בנין, פון וועלכען מיר זענען ענטציקט, פערלאָזען מיר אין אַ געהויבענער שטימונג די קאָנפערענץ.

מען מוז זאָגען דעם אמת, אַז דער בנין פון די יוד. געז. גימנאַזיעס, וועט זיין די שענסטע דערגרייכונג פון דער לעצטער צייט, וואָס דאס היגע יודישע טשענסטאָכאָוו וועט האבען אויפגעטהון. מיר וועלען באמת קענען שטאָלצירען מיט אָט דער דערגרייכונג. געבענטשט זאָלען זיין די הענד, וואָס אַרבייטען און ווירקען, אַז אָט אַזאַ פּאַלאַץ זאָל פאַר דער יודישער יוגענד אויפגעבויט ווערען. מיר האבען בעמערקט, אַז די מענשען רעדען וועגען יעדער קלייניגקייט מיט אַזאַ פּיעטעט, מיט אַזאַ ליעבע און איבערגעגעבענהייט, אַז ס'וואָלט געוועזען פּשוט אַ פערברעך פון די אַלע סויזענדער היגע יודען, נישט צוצוהעלפען זיי אין דער דאָזיגער וויכטיגער מיסיע און אַרבייט. יעדער איינציגער, וואס וועט זיך אויף וואָסערן אופן ס'זאָל נישט זיין בעשטייערן לטובת דער געביידע, וועט קענען אין דער צוקונפט זאָגען, אַז אויך ער האט מיטגעהאָלפען, צוגעלייגט אַ ציגעל צום בנין—און זיינע קינדער וועלען דערפון שטאָלץ זיין.

זאָל דעריבער דער דאָזיגער וואָריימער אַפּעל פון בוי-קאָמיטעט דורך אַלעמען נאָהערט ווערען.

מ. ק—ן.

Gnaszyńskie Zakłady Ceramiczne Sp. Akc.

w Gnaszynie, pod Częstochową

Adres dla listów: Częstochowa, skrz. poczt. 116.
Telefony: ,, 13-81 i 16-32.

produkują: cegłę budowlaną, licową, kanalizacyjną, trocinówkę, studniówkę, cegły dziurawkowe, blokowe, dachówkę, dreny, cegły kominowe, cegły stropowe, międzyściankowe it.d.

Zakłady czynne cały rok. Produkcja roczna 15.000.000 szt.

Własne patenty i licencje.

UWAGA: Stropy budowane z naszych specjalnych cegieł kalkulują się taniej od stropów drewnianych.

Gnaszyńska Fabryka Tapet i Papierów Kolorowych, Sp. Akc.

w Gnaszynie, obok Częstochowy

Telefon 17-90.

Adres dla korespondencji: **Częstochowa, skrz. poczt. 116.**

poleca: **obicia papierowe** wszelkiego rodzaju i gatunku.

Najnowsze **desenie**, pierwszorzędne **wykonanie**.

Papiery glansowane, satynki, imitacje skórek, papiery chromowe i wszelkie wchodzące w zakres tego działu artykuły.

BANK HANDLOWY W WARSZAWIE Sp. Akc.

BANK DEWIZOWY

Odziały: Częstochowa, Gdynia, Kalisz, Katowice, Kraków, Lublin, Lwów, Łódź, Poznań, Radom, Sosnowiec, Wilno, Włocławek

załatwia wszelkie czynności wchodzące w zakres bankowości, wkłady oszczędnościowe na książeczki i inkasa na bardzo dogodnych warunkach.

Hurtowa sprzedaż żelaza i bednarki

SALOMON GEWIRCMAN i S-KA

Częstochowa, Narutowicza 19/23.

Telefon 20-04.

P. K. O. Warszawa № 181.275.

Znany od lat 30-tu ze solidności

Skład Materjałów Aptecznych i Optycznych

M. ROZENCWEIGA, ALEJA № 1, tel. 20-67

poleca po cenach kryzysowych w wielkim wyborze:

okulary, binokle, lorgnony, lupy, termometry i t. p. artykuły

UWAGA: Wykonanie recept na okulary ściśle pg. przepisów PP. Okulistów.

Spółdzielczy

Bank Kupiecki

z ogr. odp.

w Częstochowie, I-a Aleja № 5.

Telefon 16 49.

ערלעדיגט אַלערליי באַנק-אָפּעראַציעס פּונקטליך און רעיעל.
נעמט אָן וקלאַדען, איבערווייזונגען א. ז. וו.
די באַנק איז טעטיג יעדען טאָג פון 9 ביז 1 און פון 2.30 ביז 4 נאכמיטאג, פרייטאָג פון 9 ביז 2 נאכמיטאג.
שבת און יו"ט איז די באַנק נישט טעטיג.

Zakład ślusarsko-mechaniczny

S. BALSAM

CZĘSTOCHOWA, P. MARJI 32

Przyjmuje wszelkie roboty ślusarsko-mechaniczne.

Specjalność:

okucia okien, drzwi, balkony, balustrady i bramy żelazne po cenach konkurencyjnych

Fabryka

Wyrobów Celluloidowych

oraz Guzików i Klamer Galalitowych

S. Ch. Epstein

Częstochowa
Jaskrowska 15—17.
Telefon 14-66.

די זייט 1876 יאָהר עגזיסטירענדע

Pierwsza Częstoch. Fabryka Świec

„Znicz" Sz. Fajge i S-wie

Częstochowa, ul. Kozia № 5.

Telefon 24 11. P. K. O. 310.545.

עמפּפעהלט: פּאַראַפין-ליכט, סטעאַרין ליכט, הבדלות פּאַסטע צו פּאדלאָגעס, צערעזין א. ז. וו., א. ז. וו.
פאָדערט איבעראַל **פייגעס ליכט!**

Pisma

krajowe i zagraniczne w prenumeracie i pojedyncze. Ceny nominalne.

Ogłoszenia

do wszystkich pism, m. in. polecam znaczki stemplowe i pocztowe, weksle, karty do gry i tytonie.

BIURO DZIENNIKÓW i OGŁOSZEŃ

„RENOMA"

(wł. M. ŻUKOWSKI)

CZĘSTOCHOWA, PANNY MARJI 21.

Telefon 24-48

Fabryka listew i ram

S. BRZOSKI

CZĘSTOCHOWA
ul. Sułkowskiego 12-14.
Telefon 15-43.

poleca: ramy do obrazów, kornisze do firanek oraz listwy do ram i tapet.

rendez-vous

całej inteligencji przy wykwintnej kawie ze znanego aparatu „EXPRESSO"

w cukierni W. WEBERA

Częstochowa, II Aleja № 16.

Rok założenia 1906.

Fabryka Wyrobów Metalowych

L. Bromberg

Częstochowa, Krótka № 11.
Telefony: 11-50 i 11-46.
P. K. O. 67.686 Skrz. poczt 108.

Spinki i guziki metalowe.

Fabryka Wyrobów Metalowych

Ickowicz i Guterman

Częstochowa, Krótka 7-9.

Telefon 16-94.
P. K. O. 64201.
Skrz poczt. 186.

Produkuje :

Śruby do drzewa i metalu. | Części rowerowe i toczone.

Przyjmuje wszelkie zlecenia w dziedzinie śrub toczonych

I. L. SWIATŁY

CZĘSTOCHOWA
Ogrodowa 48. Telef 18-20.

SPRZEDAŻ:

kafli, płyt piekarskich, kuchenek, piecyków przenośnych, posadzki terrakotowej, płytek glazurowych oraz wszelkich dodatków wchodzących w zakres robót zduńskich

Wytworną Kosmetykę
Galanterję Toaletową
Aparaty Fotograficzne
fabryk krajow. i zagr.
Foto-artykuły

poleca

po cenach najniższych

firma

A. NAJMAN

Częstochowa,
Aleja 20. Tel. 14-57.

2% — 10% rabatu

Art. zastrz. wył. z rabatu.

Uwaga! Foto-laboratorjum dla amator.

Fabryka wyrobów celluloidowych i metalowych

„KOSMOS" S. A.

w Częstochowie, ul. Krótka 29. Telefon 20-81.

wytwarza szczoteczki do zębów, artykuły toaletowe, grzebienie oraz lalki dmuchane w najlepszym gatunku.

FABRYKA WÓD GAZOWYCH

„ZDROWIE"

A. ROTBART

Częstochowa, Rynek Warszawski 7-8

Telefon 18-56.

עמפּפעהלט דער געעהרטער קונדשאַפט די בעסטע
אראַנזשאַדע, לעמאַניאַדע
און אנדערע אויסאַרבייטונגען.

Rok założenia 1895.

Fabryka Wyrobów Celluloidowych

Berkowicz, Spitz i Kinstlicher

Częstochowa, Pułaskiego 1-7.

Telefon 18-86.

M. Ruziewicz

Częstochowa
Berka Joselewicza 2
Telefon 22-31.

נייה = מאַשינען
אויך פאַר בעלי-מלאכות
און ראָווערען
די ביליגסטע קוועלע.

MICHAŁ AJDELMAN

UL. PIŁSUDSKIEGO nr. 7.

front, drugie piętro, telefon № 13-07.

poleca po cenach hurtowych

LISY srebrne, niebieskie, polarne i inne

SKóRKI futrzane do przybrania

NAJNOWSZE MODELE PŁASZCZY i PELERYNEK.

Częstochowski Skład Śrub i Narzędzi

Izydor Wasserman, Częstochowa

wł. Ch. M. WASSERMAN

N. M. Panny 2. Tel. 16-66. P. K. O. 146037 i 303841.

Przedstawiciel firmy: A. B. Slipmaterial, Vestårvik Szwecja.

Tarcze szlifierskie, szmergiel w proszku, tarcze filcowe, Narzędzia

Wiertła ze stali szybkotnącej, Piły gatrowe, Noże do heblarek

Pakunki do przegrzanej pary i wody.

Przedstawicielstwo szwedzkich pił gatrowych, cyrkularnych i taśmowych.

FABRYKA MEBLI GIĘTYCH

D. SZMULEWICZ i S-ka

Częstochowa, Narutowicza 19—23. Telef. 23-36.

צו דער בעקוועהמליכקייט פון די געעהרטע קליענטען האבען מיר געעפענט

א פראנט-געוועלב אויף נארוטאוויטשא № 19–23

אויפ׳ס לאגער א גרויסער אויסוואהל פון אלערליי פאסאנען

בענקלעך אין קאלירען און אלע וויענער מעבעל-אויסארבייטונגען

ספעציאליטעט:

אויסארבייטונג פון דיזעלבע קאלירען וואס אלערליי פארנירען

אין דעטייל פאבריקס-פרייזען.

שפארזאם און פראקטיש

איז צו מאכען די איינקויפען נור אין דער פירמע

ל. לעדערמאן

אלעע 7. טעל. 15-47.

וואו ס׳איז צו בעקומען צום קומענדען סעזאן

דער גרעסטער אויסוואהל

די בעסטע סארטען

די ביליגסטע פאבריקס-פרייזען

פאר חתונה-אויסשטייערס ספעציעלע הנחות. הורט. דעטייל.

Fabryka Wyrobów Pończoszniczych

„PRIMASOSNOWICZANKA"

wł. I. ENZEL

CZĘSTOCHOWA

poleca swe znane wyroby

Sprzedaż detaliczna przy ulicy Nowy Rynek № 5.

SKŁAD TOWARÓW MANUFAKTURNYCH

P. KRAUZE

CZĘSTOCHOWA, Nowy Rynek 1.

א שעהנער אויסוואהל פון אלערליי

וואל-און זיידען-שטאף-גארדינען

דעקען און אלערליי וייס-ווארען.

Fabryka papy dachowej i przetworów smołowcowych

„BOGATOLIT" Juljan Rajcher

CZĘSTOCHOWA, ul. FERD. FOCHA № 21. TELEFON 13-49.

Konto w P. K. O. 64.372. — — Adres telegraficzny: Rajcher Częstochowa Focha 21.

Specjalność: Papa dachowa piaskowa, Papa dachowa bitumiczna biała, Papa dachowa bitumiczna kolorowa, Smoła preparowana, Karbolineum, Lepnik, Smoła drzewna, Bitum do uszczelniania dziur, Lakier do żelaza, Roboty asfaltowe.

Skład sukna i kortów „SUKNOPOL". Aleja 35

poleca na sezon wiosenny nowości sezonowe z materjałów damskich i męskich z najwykwintniejszych fabryk bielskich i tomaszowskich po b. niskich cenach.

אלע האבען זיך איבערצייגט,

אז די רעעלסטע און ביליגסטע קוועלע

דער שענסטער אויסוואהל פון די מאדערנסטע סחורות

דער גרעסטער אויסוואהל פון אויסשטייער

זיידענצייג און וואל-ווארען

איז נאר צו בעקומען

אין דער בעוואוסטער רעעלסטער פירמע

M. DYKIERMAN

ul. Berka Joselewicza № 12.

Telefon 12-18.

קומט און איבערצייגט אייך!

Samuel Katz

Pracownia ubiorów damskich i futer

CZĘSTOCHOWA,

II-ga Aleja № 20. — Telefon 22-12.

Poleca swoją wykwintną robotę

NA SEZON WIOSENNY-LETNI

CZĘSTOCHOWSKIE ZAKŁADY CERAMICZNE

S. B. Helman i S-ka

Fabryka i biura w Częstochowie ul. Jacka 14

Telefony: № 13-28 — dodatkowy Dyrekcja 17-28

Adres telegraficzny: „STANHEL". Skrz. poczt. 67.

Cegły szamotowe i ogniotrwałe. Płyty piekarskie. Cegły budowlane, kanalizacyjne, studniowe, kominowe i t. d. Cegły pustakowe i stropowe. Dachówki i gąsiory. Dreny. Klinkier posadzkowy i fasadowy. Różnokolorowe płytki kamionkowe (terrakota). Rury i kształtki kamionkowe do kanalizacji. Wyroby kamionkowe i kwaso-odporne. Kafle i cegiełki, białe i kolorowe. Nawilżacze do centralnego ogrzewania.

CZĘSTOCHOWSKA

FABRYKA SPINEK

i wyrobów metalowych

D. Bornstein i S-wie

CZĘSTOCHOWA

Krótka 10—12. Tel. 23-51.

Konto P K O 152.786.

WYRÓB PŁÓCIENEK

oraz sprzedaż przędzy bawełnianej i towarów płóciennych

ABRAM ENZEL

Częstochowa, Warszawska 9. Tel. 22-63.

בעזיצט אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון רויט פעדער-נעסטל בעסטע קוואליטעט, אייגענע אויסארבייטונג

ווי אויך פערשידענע שירצען און העמדער-מוסטערן.

I. Rząsiński

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 29. TELEFON 13-18.

עמפפעהלט די געעהרטע קונדשאפט

א שעהנעם אויסוואהל פון אלערליי וואל און זיידענשטאפען, גארדינען, דעקען און וייסווארען

אייגענע אויסארבייטונג פון וואטירטע דעקען פון די ביליגסטע ביז די בעסטע ::

די נייעסטע ספארט און טאג-העמדער, קראוואטען, שטרימפ :: צוגענגליכע פרייזען. ::

Fabryka
części rowerowych
i metalowych
„START"
M. Sułkowski i S-ka
Częstochowa
Aleja Kościuszki l. 24—26.
P.K.O. 140.821. Tel. 21-23.

Zakład Malarsko - Dekoracyjny
M. GELBER
Częstochowa, II Aleja 16.
Przyjmuje wszelkie roboty wchodzące w zakres malarstwa od najskromniejszych do najwykwintniejszych.

Zakład fryzjerski
damsko-męski
R. Offmanówna
CZĘSTOCHOWA, I-sza ALEJA № 5, w podwórzu, na lewo, I piętro wykonuje wszelkie czynności w zakres fryzjerstwa wchodzące jak: trwałą ondulację damską, czesanie żelazkowe, manicure, farbowanie brwi i rzęs.
Męskie golenie strzyżenie mycie głowy
po cenach bardzo niskich.

פאַרבעריי און כעמישע
װעשעריי
„BENETA"
ב. יאַסעלעװיטשאַ 11
(געגענאיבער.דעם געװעלב
פון דער קאַפּעלושאַרניע)
קראַגענס װערען געװאַשען מיט דױער־
האַפטען שפּיגעל־גלאַנץ.
ספּעציאַליטעט:
1) אױספרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לױט מוסטערן,
3) רעמאַשירן (אַרױסנעמען פלעקן אָהן װאַשען אױפ'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן.

אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע מיט'ן טאָרפּעדאָ=צוג

5 געהרג'עטע, 37 שווער = און לייכט = פערוואונדעטע.

נעכטען אין דערפריה איז גאַנץ טשענסטאכאוו עלעקטריזירט געווארען צוליב דער ידיעה וועגען א מורא'דיגער קאַטאַסטראָפע מיט'ן טאָרפּעדאָ-צוג וואס איז געשעהן אויף דער סטאַציע רודניקי.

בעת דער טאָרפּעדאָ איז, פאַהרענדיג פון טשענסטאכאוו אין דער ריכטונג נאך ווארשא, אנגעקומען קיין רודניקי, איז ער צוליב'ן שלעכטען וועקסלען פון דער „זווראָטניצע", ארויף אויף א זייטיגער ליניע, אויף וועלכער עס איז געשטאנען א פראכט-צוג.

דער רעזולטאַט פון צוזאַמענשטויס איז געווען א שרעקליכער. דער טאָר-פעדאָ, וועלכער האט זיך צוזאַמענגע-קלאַפּט מיט'ן לעצטען וואַגאָן פון משא-צוג, וואס איז בעשטאנען פון א שווע-רער נאַפט-ציסטערנע, איז געווארען שטאַרק בעשעדיגט.

די קאַטאַסטראָפע האט געבראכט 5 טויטע. דאס זענען: דער מאָטאָר-פיהרער און זיין געהילף, דער קאָנדוקטאָר און צוויי צוג-בעדינער. אויסערדעם זענען אויך פערהאַן עטליכע דרייסיג שווער-און לייכט-פערוואונדעטע. צווישען די פער-וואונדעטע געפינען זיך

די מיטגלידער פון דער היגער יודישער דעלעגאַציע,

וועלכע האבען געדאַרפט אויפגענומען ווערען היינט דורכ'ן פרעמיער-מיניסטער סקלאַדקאָווסקי אין צוזאַמענהאנג מיט דער שארפער באַיקאָט אַקציע, וואס ווערט געפיהרט היינטיגע וואָך אין אונ-זער שטאָדט. אזוי האט דר. אַלעקסאנ-דער וואָלבערג שווער צובראָכען א פוס, דיר. פרושיצקי – צובראָכען עטליכע ושעברעס און שטאַרק צושעדיגט דעם גאנצען קערפער, אדוו. קאָנאָרסקי – שטאַרק צושעדיגט דעם גאַנצען קער-פער און דער פירטער מיטגליעד – באַזשיקאָווסקי האט פערוואונדעט א פינגער. פון טשענסטאכאווער יודען זענען אויך פערוואונדעט געווארען: איזאַק שיין (פערוואונדעט אין קאָפּ), דר. טעמפּעל (פערוואונדעט אנ'אויער), דאן האבען אויך געליטען די היגע קריסט-ליכע איינוואוינער: דער וועטערינאר פון שטאָדטישען שחט-הויז דר. כמורקא, ע. ריימשיסעל, די פרוי פון דאָקטאָר מישעווסקי א. אנד.

אויפ'ן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע איז תיכף ארויסגעפאָהרען א סאָניטאָר-צוג מיט עטליכע היגע דאָקטוירים, וועלכע האבען ערטיילט די ערשטע הילף די פערוואונדעטע און זיי אהער-געבראכט נאך טשענסטאָכאָוו.

ווי-נאָר ס'איז אהער אָנגעקומען די דאָזיגע מורא'דיגע ידיעה איז נאך רודניקי אויך ארויסגעפאָהרען דער קהלה-פרעזעס ה' ראָזענבערג און עט-ליכע טהוער פון סוחרים פעראיין.

די דאזיגע קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער עס האבען שטאַרק געליטען די דער-מאנטע שליחי-מצוה פון דער יודישער דעלעגאַציע, האט נאך פערגרעסערט די יאוש שטימונג צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

די תומכי=עניים האָט פערטיילט איבער 400 פעקלעך פאַר אָרימע אויף פסח.

מיטוואך איז פארגעקומען די פער-טיילונג פאר אָרימע בכבוד'ע דורכ'ן „תומכי עניים".

עס זענען פערטיילט געווארען איבער 400 פעקלעך, אין וועלכע ס'האבען זיך געפונען פאָלגענדע פראָדוקטען: 3 קילאָ מצות, א קילאָ צוקער, 2 פעקלעך פו-טער און צוויי פעקלעך מהעל.

דער פאַקט, אז דער „תומכי עניים", וועלכער נעמט נישט צוזאמען פון דער יודישער בעפעלקערונג קיין געלד-זאַמלונג האט געקאנט פערטיילען פראָדוקטען אויף פסח אזעלכע פאַרציעס אויף א סומע פון איבער צוויי טויזענד זלאָטעס איז ווערט בעגריסט צו ווערען. דאס בעווייזט, אז מען דאַרף נישט טומלען, נאָר בעשיידען פיהרען די אַר-בייט און ביי א גוטען ווילען קאן מען א סך אויפטהון.

די פערטיילונג האבען בייגעוואוינט דער פרעזעס פון דער יודישער קהלה ה' ראָזענבערג, דער ראָבינאָט, פרעזעס פון תומכי עניים ה' ב. באָטשאָן, וויצע-פרעזעס ה' ש. קרויסקאָפּף, די פערוואל-טונגס-מיטגלידער, פרעזעס פון מושב-זקנים און בית יתומים פרוי שטאַרקע, דר-אָווא סאָרנאָ, פרעסע און אנדערע געזעלשאפטליכע טהוער.

אויך אויף די צווייטע טעג פסח וועט דער „תומכי עניים" ווידער ארויסגעבען פראָדוקטען פאר זיינע פּעטענטען.

שעהנע נדבות פון די אייגענטימער פון די קינאָס „עדען" און „סטילאָווי" לכבוד יום=טוב

די דירעקציע פון קינאָ „עדען", אַלעע 12, האט טראַדיציאָנעל, ווי יאָהר-יעהרליך, אויך היי-יאהר לכבוד יום-טוב געשפענדעט 150 זל. לטובת די היגע יודישע אינסטיטוציעס: שפּיטאָל 25 זל., תומכי עניים 25 זל., טאָז 20 זלאָטעס, מושב זקנים 20 זל., בית לחם 20 זל., מחזיקי הדת 20 זל., לינת הצדק 10 זל., הכנסת אורחים 10 זל.

אויך ה' וו. גאָגוט, אייגענטימער פון קינאָ „סטילאָווי", אַלעע 29, האט אלס אנערקענונג פאר די יודישע בעזוכער געשפענדעט לכבוד יום-טוב 100 זל. פאר פאָלגענדע אינסטיטוציעס: שפּיטאָל 15 זל., תומכי עניים 15 זל., טאָז 15 זל., מושב זקנים 15 זל., בית לחם 15 זל., מחזיקי הדת 15 זל., לינת הצדק 10 זלאָטעס.

הרב ד"ר ברוידא אין טשענסטאכאוו.

אויף דער איינלאַדונג פון יודאַאיס-טישען אינסטיטוט ביי דער נייער שוהל וועט זונטאג, דעם 11 אַפּריל ד. י. קומען קיין טשענסטאכאוו הרב ד"ר ברוידא, וועלכער וועט דאָ האלטען א רעפעראט.

פרטים אין נאָהנטסטען נומער.

אורלויב פון שטאָדט-פרעזידענט שטשאָדראָווסקי.

דער שטאָדט פרעזידענט יאַן שטשאָד-ראָווסקי הויבט אָן דעם 25-טען ד.ח. א קורצטערמיניגען יום-טוב-אורלויב, וועל-כער וועט דויערען ביז'ן 1 אַפּריל.

בעת'ן אורלויב וועט איהם פערטרע-טען וויצע-פרעזידענט דזשובאַ.

„אומגעזעצליכע קינדער" מיט דזשעק רעכטצייט און אַלאַ שליווקאָוויטש

מיט אמת'ער פרייד קענען מיר זיך טיילען מיט אלע היגע יודישע טעאַטער-ליבהאבער, אַז נאך לאנגע ערוואַרטונ-גען וועט זונטאג, דעם 28 מערץ אין פייערלעשער-זאַל אויפטרעטען דער בע-ליבטער אַמעריקאַנער סטאַר דזשעק רעכטצייט מיט זיין פאַרטנערין אַלאַ שליווקאָוויטש.

ס'ווערט געשפילט די בעוואוסטע סענסאַציאָנעלע פיעסע „אומגעזעצליכע קינדער", פון עלמער ריץ, וואס איז אין ווארשא געגעבען געווארען איבער 150 מאָל. כדאי צו בעמערקען, אז פער-שידענע אנדערע טרופעס, וועלכע האַ-בען געשפילט „אומגעזעצליכע קינדער", האבען זיך בלויז בענוצט מיט דעם דאָזיגען נאמען, אבער דער אינהאלט איז געווען א גאַנץ אנדערער. דאָגעגען די „אומגעזעצלילע קינדער" פון אַמע-ריקאנער שרייבער עלמער ריץ, וואס דזשעק רעכטצייט שפּילט, איז די אָרי-גינעלע שאפונג, וואס קיינער האט נאך דאָ ביי אונז נישט געשפּילט.

אין דעם ערשטקלאַסיגען אַנסאמבל נעמען אויך אנטייל: גאָוואָ-וויי, יהודה גרינהויז, משה גורוויטש, יוסף ווידער-סקי, רייצע זאַמין, מאקס מאַקסימאָוו, יוסף נויוווירט, ליובא ראָזענבערג, נתן רייכענבערג א.א., וואס גיט די גאָראַנ-טיע, אַז די פאָרשטעלונג וועט שטעהן אויף דער געהעריגער הויך.

אלע ליבהאבער פון יודישען טעאַטער וועלען זיכער אויסנוצען די געלעגענ-הייט און קומען זעהען דעם הערליכען זינגער, טענצער און שעהנעם אַמאַנט דזשעק רעכטצייט מיט זיין טרופּע, וועלכע וועלען אייך מאכען אויף איינ-גע שעה פערגעסען אין אלע דאגות.

בילעטען נאך היינט צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באָטשאָן, אלעע 6 און יום-טוב פון 11 פריה ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

קורצע נאָטיצען

פערגאנגענעם שבת איז אין 4 קלאַ-סיגען ח"ר א. נ. „חורב" ב. יאָסעלע-וויטשאַ 15 פאָרגעקומען א בחינה פון די תלמידים פון אלע 4 מחלקות.

אין דער בחינה האבען זיך בעטיי-ליגט אנגעזעהענע היגע תלמודי-חכמים צווישען וועלכע עס איז אויך געווען א תלמוד מובהק פון ישיבת חכמי לובּ-לין ה' יעקב פּילצער און די היגע מורה הוראות ר' יוסף פּראָקאָש און ר' נחמן גרינפעלד.

דער רעזולטאט פון דער בחינה איז אויסגעפאַלען גלענצענד. די תלמודים האבען ארויסגעוויזען גרויס בקיאות אין אלע למודים. צו דער צופרידענ-הייט פון אלע אנוועזענדע.

די למודי חול ווערט אנגעפיהרט דורך א ספּעציעלען לייטער ה' וועק-שטיין, וועלכער איז א בעוואוסטער פעדאָגאָג.

דערביי מוז בעמערקט ווערען, אז אין דעם זעלבען חדר, וועלכעס איז איינגעאָרדענט היגיעניש און מאָדערן, קומען פאָר פון צייט צו צייט פער-שידענע פערוויילונגען פאָר די תלמידים.

פערגאנגענעם שבת איז אין קינדער-גאָרטען אויפ'ן נאָמען פון פרל. ז. ווייג-שטאָק פאָרגעקומען א קינדער-פערוויי-לונג וואס האט געהאט א גרויסען ער-פאָלג.

די בחורים פון בית-המדרש אהל-נחום האבען א גאנצען ווינטער גע-טרינקען טהעע מיט צוקער וואס איז געשאָנקען געוואָרען פון ה' מאיר אַלט-מאַן אַגראָדאָווא 4.

ווי מען אינפאָרמירט אונז וועט ה' אַלטמאַן ווייטער אונטערשטיצען די בחורים מיט טהעע און צוקער.

ANGIELSKI KLEJ SPECJALNY № 221
צו אַלערליי שווערסטע קלעב=אפּעראַציעס
פערבינדט אויסגעצייכענט
מעטאַל מיט האָלץ
באַקאַליט מיט האָלץ
גומע מיט מעטאַל אדגל.
עמפּפעהלט אין אַלערליי קוואַנטומס פונ'ם קאָנסיגנאציע-לאגער
DOM AGENTUROWY WŁADYSŁAW KOTLICKI
WARSZAWA, Miodowa 7. Tel. 2-79-39.

Fabryka wyżymaczek i wyrobów metalowych
D. KONGRECKI
CZĘSTOCHOWA
ul. Przemysłowa 9. Telefon 24-58.

„TRIOKONG"
Zakłady Przemysłu Radiowego
Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99
Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki
COLUMBUS 937
3 lampy z 4 prostownicą
LECH
2 lampy z 3 prostownicą



Nasz system ratalny umożliwia nabycie powyższych odbiorników na najdogodniejszych warunkach.
Demonstracje w firmie
N. TEICHNER
Aleja 14. Tel. 17-91

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
פון זונטאג, ד. 28 ביז מיטוואך, ד. 31
הערליכער פילם, לויט דער רעזשי פון
באָלעסלאַווסקי
TEODORA
robi karierę
Irena DUNN אין דער הויפּט-ראָל

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) רעמאַשירן (אַרויסנעמען פלעקן אָהן וואַשן) אויפ'ן אָרט

Kino „LUNA"
נאָר 2 טעג! זונטאג 28 און מאנטאג 29
גרויסער יום-טוב-פראָגראַם!
שירליי טעמפּל
אין איהר בעסטען פילם
Bogate biedactwo
קאָלירטער איבער'ן פראָגראם און פּאַס.
זונטאג מאנטאג 12.30 צו ביליגע פרייזן
PANNA LILI
מיט פראַנטשישקאַ גאַאַל, האַנס יאַריי.

KINO „EDEN".
פון זונטאג, ד. 28 מערץ ד. י.
גרויסער יום טוב פראָגראַם.
O piętro wyżej
מיט'ן ליבלינג פון פּובליקום
ע. באָדאָ
זונטאג און מאנטאג 12.30 א זייגער מיטאָג-סעאַנסען. פרטים אין אַפישען.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6